# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

### Title
Kheshbn No. 5 - October 1954 - Journal

### Permalink
https://escholarship.org/uc/item/0wz2s4dr

### Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 5(1)

### Author
Admin, LAYCC

### Publication Date
1954

### Copyright Information
Copyright 1954 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

1854 — 1954

# חשבון

לכבוד דעם

## 100 יאָריקן יובל

פון יידישן ישוב

אין קאַליפאָרניע

פינפטער נומער

ארויסגעגעבן פון דעם

לאָס אַנגעלעסער יידישן קולטור קלוב

1854 — 1954

# חשבון

לכבוד דעם

## 100 יאָריקן יובל

פון יידישן ישוב

אין קאַליפאָרניע

ל

פינפטער נומער

ארויסגעגעבן פון דעם

לאָס אנגעלעסער יידישן קולטור קלוב

רעדאַקטירט:

י. פרידלאַנד  י. ל. מאלאמוט

לאָס אַנגעלעס, קאַליפאָרניע

אָקטאָבער 1954 — ה'תש"טו

PRINTED IN U. S. A.

ECONOMY TYPESETTING SERVICE

244 HARLEM PLACE

LOS ANGELES 12, CALIFORNIA

55

## באַאַמטע און אַקטיוו פון ל. א. יידישן קולטור קלוב

## פאַר דעם יאָר תשט״ו—1954-55

ה. רויזענבלאַט ........................ערן-פּרעזידענט

י. פרידלאנד ..........................פּרעזידענט

ב. צוקערמאַן ........................וויצע פּרעזידענט

מ. ל. קאָפּעלאָף ........................פינאַנץ סעקרעטאַר

י. ל. מאלאמוט ........................קאָרעספּאָנדענץ סעקרעטאַר

א. שווארץ ............................קאַסירער

שלמה צוקערמאַן, מ. ווינארסקי ........................פינאַנץ קאָמיסיע

צילי צוקערמאַן ........................הויז פאַרוואַלטער

י. סקאָקאָווסקי ........................בריוו פאַרוואַלטער

נ. אזאלין ........................ביבליאָטעקאר און ארכיוו

א. אייעראָף .........פאַרטרעטער צום ל.א. יידישן „קאמיוניטי קאָנסיל״

מיטגלידער פון אַקטיוו

א. באביטץ, ס. פיעלד, ה. ראבינסאן, ש. בריינין

## אינהאַלט:


פון דער אַדמיניסטראַציע: ל. א. יידישער קולטור קלוב.............. 5

רעדאַקציע — דער „חשבון״ אין 1954........................ 7

ה. רויזענבלאַט — „אַאַזיס״........................... 9

י. פרילאַנד: „בלעטער צו דער געשיכטע פון יידישן ישוב אין קאַליפאָרניע״.. 11

י. ל. מאלאמוט: „מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון יידן אין קאַליפאָרניע״.. 24

י. ש. נאאומאָוו: „די יידישע פרעסע אין קאַליפאָרניע״............ 32

י. צורף: „צו דער געשיכטע פון יידישן חינוך אין לאָס אנגעלעס״....... 39

דר. דוד ברידזשער: „פינף יאָר עקזיסטענץ פון יידישן קינדער־טעאַטער״.... 45

ד. ריגאַל: „דער „ייוואָ״ אין אמעריקע און זיין אויפטו״............ 49

יצחקי: „באַמערקונגען צו דער געשיכטע״ פון „ווואָ״ אין לאָס אַנגעלעס 51

בען צוקערמאַן: „מכח 300 יאָר יידיש לעבן אין אַמעריקע״.......... 53

יוד לאַמעד: „פיאָנערן פון פראָגרעסיוון געדאַנק אין לאָס אנגעלעס״...... 56

א. באַביטש: „30 יאָר ציוניסטישע אַרבעטער באַוועגונג״........... 61

מאיר וויינטרויב: „דער ארבעטער רינג אין לאָס אנגעלעס״.......... 65

יוסף פאַניטץ: „אינסטיטוט פאַר יידישער דערציאונג״............. 67

י. פ.: „רשימה פון קולטורעלע שבת־צו־נאַכטן״............. 69

י. פ.: „אַלפאַבעטישע רשימה פון ביכער״.................. 74

י. פ.: „דערשינענע אויסגאבן פון קולטור קלוב״.............. 78

קולטור כראָניק ..................... 81

ביישטייערונגען פון מיטגלידער און פריינט.................. 93


### ענגלישע אָפּטיילונג


The Los Angeles Yiddish Culture Club.............................. 2

A Brief Account of Three Hundred Years of American Jewish History.......... 3
*Dr. Philip L. Seman*

Activities of the Tercentenary in Los Angeles..............................12
*Justin G. Turner*

# לאָס אַנגעלעסער יידישער קולטור קלוב

צו דער געלעגנהייט פון דעם הונדערט־יאָריקן יובל פון יידיש לעבן אין קאַליפאָרניע, געפינען מיר אויך פאַר וויכטיק צו פאַררעגיסטרירן וועגן אונדזער קולטור בייטראָג צום היגן, שטאַרק וואַקסנדיקן יידישן ישוב.

מיט דעם אָפּשלוס פון דעם יאָר תשי״ד (53־1954 זמן), איז געוואָרן 28 יאָר זינט דער ל. א. יידישער קולטור קלוב איז געגרינדעט געוואָרן. 28 יאָר אין דעם לעבן פון אַן אָרגאַניזאַציע, באַזונדערס אַן איבערפּאַרטייאישע יידישע קולטור אָרגאַניזאַציע, ווי ס׳איז דער איינשטעל פון יידישן קולטור קלוב, ווערט עס דאָן אַ חידוש, אַ פענאָמען.

מיט 28 יאָר צוריק, אינם יאָר 1926, ווען אויף דער יידישער גאַס האָט זיך צעפלאַקערט דער אַזוי־גערופענער קאַמף צווישן די פּאָליטישע ריכטונגען פון „לינקע און רעכטע״, האָט אַ קליינע גרופּע, פון איבערפּאַרטייאישע קולטור־עסקנים, ניט וועלנדיק צעריבן ווערן צווישן די מילשטיינער פון די פּאָליטישע ריכטונגען אין יידישן לעבן, פאַרטראַכט צו גרינדן אַ יידישן קולטור קלוב, אין וועלכן דער יידישער מענטש זאָל ביכולת זיין צו פאַרווייל אין אַ יידישער קול־טור־סביבה און גייסטיק־קולטורעל זיך דאָרט אויסלעבן.

צו דעם 25־יאָריקן יובל פון יידישן קולטור קלוב, האָבן מיר אין דעם יובל נומער „חשבון״, פאַרנאָטירט מער באריכות די טעטיקייטן פון יידישן קולטור קלוב, במשך פון אַ פערטל יאָרהונדערט. ווילן מיר, בכן, דאָ פאַרציכענען בלויז עטלעכע ראַנד־באַמערקונגען מכוח דעם ענין.

כידוע, איז דער קולטור קלוב ניט פאַרבונדן מיט קיין פּאָליטישער ריכטונג אָדער אָרדען. אויך איז ער נישט אונטער דער אויפזיכט אָדער השפעה פון אַ צענטראַלער קולטור קערפּערשאַפט. דער קולטור קלוב האָט די אַלע יאָרן פון זיין עקזיסטירן, אָנגעפירט און אַנטוויקלט אַן אייגנאַרטיקע, זעלבסטשטענדיקע קולטור אַקטיוויטעט. במשך פון די 28 יאָר האָט ער, יאָר איין יאָר אויס, און וואָך איין וואָך אויס, פלאַנמעסיק דורכגעפירט ליטעראַרישע אָוונטן, לעקציעס פון כל־ערליי יידישע שרייבער און געלערנטע, מכל המינים ריכטונגען; יידישע קאָנצערטן ,שרייבער אָוונטן, יידישע קונסט און ביכער אויסשטעלונגען; פיי־ערונגען פון יידישע יום־טובים; אויך אַ ספּעציעלן „חודש פאַרן יידישן בוך״, פאַר יידישער מוזיק וכדומה. ביי אַט די אַלע אָוונטן האָט דער יידישער פאָלקס מענטש, געהאַט די געלעגנהייט צו באַקענען זיך מיט אונדזער פאַרצוויגטער יידישער קולטור און ליטעראַטור און אירע שעפער, אויך גייסטיק הנאה געהאַט פון געזונגענעם יידישן פאָלקס ליד, פון יידישן וואָרט־קאָנצערט, פאַרגעטראָגן פון אונדזערע היגע חשובע קינסטלער אָדער געסט קינסטלער, וואָס זיינען צו־געשוואומען צו אונדזער פּאַסיפישן ברעג. (זע רשימה פון די ליטעראַרישע שבת־צונאַכטן און קולטורעלע מאַנטיקן פון דעם לעצטן זמן בלויז, פאַרנאָטירט

אין דעם נומער „חשבון”). צוליב אָט די דערמאָנטע קולטור טואונגען, האָט דער קולטור קלוב זיך קונה־שם געווען מיט זיין איבערפּאַרטייאישער קולטור אַקטיוויטעט. ער איז פּאַר דעם באַוואוסט ניט נאָר אין לאָס אנגעלעס, נאָר אויך אין אַ סך ישובים פון דער יידישער אַמעריקע און אויך טיילווייז אין אייראָפּע און ישראל.

דער קולטור קלוב איז געבליבן פון די ווייניק יידישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן זיך נישט אונטערגעגעבן צו דער שפּראַך אסימילאַציע, וואָס האָט לעצטנס אַזוי שטאַרק פּארכאַפּט אונדזער יידישער גאַס. ערנסט אויפריכטיק און מיט חשיבות האָט ער אָפּגעהיט די ריינקייט פון אונדזער מאמע־לשון; גע־שטיצט און פאַרשפּרייט דאָס יידישע בוך, דעם „ייוואָ” און אַלץ וואָס איז קול־טור־שעפעריש.

במשך פון די 28 יאָר האָט דער קולטור קלוב באַוויזן אויפצובויען און אויפהאַלטן אַ פּרעכטיקן קולטור צענטער, מיט אַ גרויסער צירקולירנדיקער יידישער ביבליאָטעק און איז בכלל געוואָרן די היים פּאַר דעם ריינעם יידישן וואָרט און אַ קולטור־סביבה פּאַר דעם יידיש־יידישן מענטשן.

הגם דער יידישער קולטור קלוב פּילט דאָ אויס אַ באַשטימטע געזעל־שאַפטלעכע פונקציע, און איז צום דינסט און נוצן פון דער יידישער קהילה, קריגט ער אָבער לחלוטין נישט קיין סובסידיע פון דער יידישער קהילה אָדער „קאָמיוניטי קאָנסיל”. דער קולטור קלוב האַלט זיך אויס פינאַנציעל אַליין, מיט אַ בודזשעט פון מער ווי 8,000 דאלער אַ יאָר. (צום גליק האָט נישט דער קולטור קלוב קיין באַצאָלטע באַאַמטע אָדער אַ דירעקטאָר. די אַרבעט ווערט אויסגע־פירט פון אַ קאָמיטעט און קומט נישט אָן צו דער ברייטער יידישער עפנט־לעכקייט פּאַר אַפּעלס און שטיצע. טראָץ דעם, ווערט דער קולטור צענטער אונדזערער אויפגעהאַלטן אויף אַ בכבודיקן און ציכטיקסטן אופן, וואָס איז ניט נאָר דער שטאָלץ פון אונדזער מיטגלידערשאַפט, נייערט אויך פון יעדן איינעם וואָס קומט אַריין אין דעם בנין.

אונדזער וועג, פּאַר די פאַרגאַנגענע 28 יאָר, איז ניט כסדר אויסגעלייגט געווען מיט בלומען. מיר האָבן געהאַט — ווי די מערסטע יידישע קולטור־אָרגאַניזאַציעס — ניט ווייניק שוועריקייטן, שטרויכלונגען און נסיונות; דאָך זיינען מיר די אַלע יאָרן עקשנותדיק געשטאַנען ביי דער וויכטיקער קולטור־אַרבעט, כסדר געמונטערט און גערופן דעם יידישן קולטור מענטשן און טוער, ער זאָל אַריינקומען אין קולטור קלוב און באַהעפטן זיך מיט דער קולטור־שע־פעררישער אַרבעט. אונדזערע טירן זיינען כסדר געווען ברייט־אָפן פּאַר אַלעמען. מיר האָבן אַלעמען גערן און מיט פרייד אויפגענומען; צוגעהערט זיך צו קאָנ־סטרוקטיווע מיינונגען און קולטור פּלענער, און אויך אויסגעפירט זיי לויט די גייסטיקע און פינאַנציעלע מעגלעכקייטן אין אונדזער באַזיק.

ניט כסדר איז אונדזער רוף, צו די אַזוי־גערופענע פּרעטענדירטע קול־טור־טוער, אויפגענומען געוואָרן; זייער אָפּט איז אונדזער קול געפאַלן אויף טויבע אויערן, אָבער מיר זיינען נישט מיד געוואָרן און ניט אַנטמוטיקט. צו אונדזער פרייד און טרייסט האָבן, אַ ניט קליינע צאָל, יידישע יידן, פּאָלקס מענטשן, זיך צו אונדז צוגעהערט, זיינען געוואָרן אונדזערע וואַרעמסטע אַספּיראַנטן און גע־

טרייע בויער פון יידישן קולטור קלוב — געאייניקט און מיט אחריות פאַר דער קולטור פּאָזיציע, וואָס מיר האָבן געוואונען ביים יידישן עולם, האָבן מיר מיט חשיבות אויפגעהאַלטן די קולטור היים אונדזערע, וואָס איז אָפן פאַר יעדן יידישן מענטשן, וואָס געפינט פריידן און גייסטיקע הנאה אין אַ ריין קולטורעלער יידישער סביבה.

צום 100־יאָריקן יובל פון אונדזער היגן יידישן ישוב, קענען מיר אויך, מיט ניט ווייניק פרייד, פאַרצייכענען אונדזער באַשיידענעם ביישטייער — רעט־ראָספּעקטיוו, זעען מיר אַז מיר האָבן דאָ במשך פון דעם סכום יאָרן, אויסגע־פילט אַ געוויסן חלל אין היגן יידישן קולטור און כלל לעבן. מיר האָבן דורכ־געפירט אַ באַשטימטע קולטור פונקציע, וואָס קיין אנדערע יידישע אָרגאַני־זאַציעס, ביי זייער בעסטן ווילן, האָבן עס נישט געקענט דערגרייכן: צוליב זייער כסדר'דיקע באַשעפטיקונג מיט די פאַרשיידענע פּאָליטישע אַקציעס און „קאַמ־פּיינס", איז קולטור טועונג געוואָרן ביי זיי אַ „ביי־פּראָדוקט" און אָפטמאָל גע־דינט אפילו זייערע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציאָנעלע צוועקן. דער קולטור קלוב האָט זיך אויסשליסלעך אָפּגעגעבן מיט אַ פּלאַנמעסיקער, אָרגאַניזירטער קול־טור פּראָגראַם און אַקטיוויטעט; מחמת ער האָט געמאַכט זיין קולטור טועונג פאַר זיין איינציקן באַרוף, פאַר דעם תוך און עיקר פון זיין גאַנצער עקזיסטענץ.

**י. פרידלאַנד**, פּרעזידענט
**מ. ל. קאַפּעלאָף**, סעקרעטאַר

---

## דער „חשבון" אין 1954

דער יערלעכער „חשבון", פון דעם ל. א. יידישן קולטור קלוב, אין 1954 איז לחלוטין אַנדערש פון אַלע פריערדיקע אויסגאַבן שוין צוליב דעם אַליין, מחמת די ביז־איצטיקע אויסגאַבן האָבן געהאַט פאַר זיך די אויפגאַבע אָפּצו־שפּיגלען די קולטור אַקטיוויטעטן פון לאָס אַנגעלעס אין משך פון דעם פאַר־לאָפענעם יאָר.

דער איצטיקער נומער „חשבון" האָט פאַר זיך אַ פיל גרעסערע אויפגאַבע, און דאָס איז צו וואַרפן אַן איבערבליק אויף די היסטאָרישע געשעענישן וואָס האָבן דאָ פּאַסירט אין אַ משך פון דעם פאַרלאָפענעם יאָרהונדערט.

פאַרשטייט זיך, אַז מיר ווייסן אַז דאָס איז ניט קיין לייכטע אויפגאַבע. אין דער אמתן וואָלט זיך פאַר אַזאַ אַרבעט געפאָדערט אַ גאַנצע גרופּע פאָרשער, וואָס וואָלטן אַ לענגערע צייט געדאַרפט זיך אָפּגעבן מיט זאַמלען פאַרשיידענע מאַטעריאַלן, דערנאָך זיי סיסטעמאַטיזירן, ברענגען אין כראָנאָלאָגישער אָרדע־נונג, כדי זיי זאָלן באמת ווערן געשיכטלעכע פאַקטאָרן.

זענען מיר אָבער צום אומגליק באַשרענקט אין אונדזערע מאַטעריעלע מיטלען, און טאַקע אויך אין די כוחות, גייסטיקע כוחות, וואָס עס פאָדערט זיך פאַר אַזאַ אַרבעט. במילא וועלן מיר זיך דאַרפן באַגנוגענען בלויז מיט דעם וואָס מיר וועלן, ווי ווייט די כוחות וועלן אונדז טראָגן, צונויפזאַמלען בלויז יענע פאַקטן, וואָס וועלן אונדז קאָנען דינען פאַר מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון דעם יידישן ישוב ביי דעם פּאַסיפישן ברעג.

1854, ד.ה. די תקופה פון מיט איבער הונדערט יאָר צוריק, איז געווען דער בראשית פון יידישן ישוב דאָ ביי דעם פּאַסיפישן ברעג. אַ ישוב פון זעקס יידן, דאָס איז זייער וויכטיק צו געדענקען, פון זיי האָט זיך אַנגעהויבן אַרויסוויקלען אַ יידישער געזעלשאַפטלעכער לעבן.

ווער די דאָזיקע יידן זענען געווען, וואָס זיי האָבן אויפגעטאָן, זייער לעבן און שטערבן, דאָס דאַרף אונדז אַלעמען פאַראינטריגירן. ווי אזוי האָט זיך פון זיי אַנטוויקלט אַ יידישע קהילה, וואָס ציילט היינט צו טאָג ניט ווינציקער ווי דריי הונדערט און זעכציק טויזנט יידישע נפשות, כן ירבו, דאָס אַליין איז דאָס גרעסטע וואונדער פון דער צייט, און וועט פאַררעכנט ווערן פאַר אַ היס־טאָרישן פאַקט.

דערביי איז אָבער וויכטיק נאָך עפּעס:

ניט נאָר זענען מיר דאָ גרויס געוואָרן אין כמות, אין צאָל, נאָר אויך אין איכות.

מיר זענען דאָ ניט געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט, נאָר מיר האָבן געבויט, געשאַפן יידישע אנשטאַלטן, בנינים אויף וועלכע מיר זענען שטאָלץ, און וואָס ווערן אַרויסגעשטעלט אַלס מוסטערן פאַר אנדערע יידישע גרויסע ישובים אי־בערן לאַנד.

מיר האָבן פון דעם ערשטן טאָג אָן וואָס מיר האָבן זיך דאָ באַזעצט, גע־טראָגן דאָס אחריות פאַר אונדזערע מיט־מענטשן. מיר האָבן אַלעמאָל געפילט אַז מיר זענען אונדזער ברודערס שומר.

מען דאַרף איינזינען האָבן, אַז מיט הונדערט יאָר צוריק, איז געווען די תקופה, וואָס ווערט באַצייכנט אַלס די צייט פון „געיעג נאָך גאָלד״ (גאָלד ראַש . . .) און דאָך, האָבן יידן דאָ געגרינדעט די ערשטע „בענעוואָלענט״, וואָס האָט געלייסטעט הילף אין אַ נויט ניט נאָר צו אונדזערע ברידער יידן, נאָר אויך צו ניט־יידן. וויכטיק איז אויך צו געדענקען אַז איינער פון די ערשטע פּיאָנערן, קאַספּאַר קאָהן, האָט בייגעשטייערט דעם באַדן פאַר אַ שפּיטאָל. אַ סך געדענקען נאָך דעם קאַספּאַר קאָהן שפּיטאָל, פון וועלכן ס׳איז אַרויסגעוואַקסן דער היינ־טיקער פּרעכטיקער שפּיטאָל „צעדערן פון לבנון״. עס לעבן נאָך אַ צאָל פון די פּיאָנערן, וואָס האָבן אויפגעשטעלט דאָס ערשטע ביידל אין דוּאַרטי, פאַר די עטלעכע געציילטע געטראָפענע פון דער ווייסער פלאַג, פון וועלכן עס האָט זיך צעבליט דער איצטיקער מאָנומענטאַלער אנשטאַלט, „די שטאָט פון האָפענונג״.

און אַזוי קאָן אַנגעוויזן ווערן אויף אַ צאָל גאָר גרויסע דערגרייכונגען, וואָס זענען דאָ געשאַפן געוואָרן דורך יידישער איניציאַטיווע, יידישן אונטערנעמונגס גייסט, יידישע קאַפּיטאַלן, אנשטאַלטן וואָס זענען היינט אַ ברכה ניט נאָר פאַר אונדז יידן, נאָר פאַר לאָס אנגעלעס אין אַלגעמיין.

די דאָזיקע דערגרייכונגען זענען ביז גאָר וויכטיק פאַר דעם צוקונפטיקן היסטאָריקער, און דאָס האָבן מיר געזוכט אָפּצושפּיגלען און צו פאַררעגיסטרירן אין דעם 5טן נומער „חשבון״. און די דאָזיקע מאַטעריאַלן וועלן זיכער בלייבן מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון יידן אין קאַליפאָרניע.

רעדאַקציע

# אָאַזיס

פון ה. רויזענבלאַט

...אין מדבר האָט זי אויפגעבליט —
אין אַ חלום זיך פאַרוואַנדלט.
ווי אהרנס שטעקן, האָט אין זאַמד,
דער דאָרן זיך צעמאַנדלט.

אין סליאַד פון רעדער איינגעשפאַנט
אין בוידן-קאַרעוואַנען —
אַרויסגעשוואומען זענען שטעט
און דערפער — סטייעס שוואַנען...

אַ נס — אַן אָדלער אויפן ווינט,
מיט אויסגעשפרייטע פליגלען.
אין זאַמד, אין ווייסן, בליאַסקען אויף
אָאַזיסן ווי שפיגלען...

און דו און איך, פאַרשפּעטיקטע —
צו זוכן ברויט און שלום —
געקומען זענען דאַ אהער —
אַ פּיתרון צו אַ חלום.

אַזוי איז אונדזער גורל שוין.
עס איז ניט שייך געדענקען
אַ חלום, וואָס דו חלומסט ניט.
דאָך — ס'האַרץ גייט איין פון בענקען...

און אַז די בענקעניש טויכט אויף
אין מיין געמיט, דעם שווערן —
דערמאָן איך זיך אַן ים און אין
דער נאַכט מיט אירע שטערן...

דער ים איז אַלט, זיין פּנים — קלוג,
און ווי די שטערן — אייביק.
און דאָס וואָס ער דערציילט איז וואָר,
און איך . . . בין גלייביק, גלייביק!

די זון פאַרגייט ביים מערב־ראַנד
די וואָלקנס זשאַרען צונטער...
איך נעם אַרום די זון און גיי
מיט איר אינאיינעם אונטער...

די וועלן וויגן, וויגן מיך
און שעפּטשען: — שלימות! שלום!
איך דרעמל, דרעמל איין און ווער
אַליין דער מדבר־חלום...

אַ סטאַדע אָקסן איינגעשפּאַנט
אין לייוונטענע בוידן,
אויף כמורנע רעדער, אין טומאַן,
זיך הוידען, הוידען, הוידען.

אַן אָדלער אין די וואָלקנס שוועבט,
מיט פאַכענדיקע פליגלען.
אַ רעגן גייט . . . עס בליאַסקען אויף
אין מדבר גרינע שפּיגלען.

# בלעטער צו דער געשיכטע פון יידישן ישוב אין קאַליפאָרניע

פון י. פרידלאַנד

(לכבוד דעם 100־יאָריקן יובל)

דעם 9טן סעפּטעמבער, 1950 האָט דער שטאַט קאַליפאָרניע געפייערט זיין הונדערט־יאָריקן געבוירן־טאָג. ריכטיקער, הונדערט יאָר זינט ער איז אַריינ־גענומען געוואָרן אין דער „יוניאָן" פון די פאַראייניקטע שטאַטן. און אין דעם חודש סעפּטעמבער 1954 ווערט געפייערט, הונדערט יאָר יידיש לעבן אין קאַליפאָרניע. פון אָט די דערמאָנטע נאָענטע דאַטעס איז צו זען אַז יידן זיינען כמעט ווי געשטאַנען ביי דעם וויגעלע פון דעם געבורט פון דעם שטאַט קאַלי־פאָרניע; און ווי אומעטום, האָבן די יידן אויך דאָ, אַקטיוו באַטייליקט זיך אין זיין גרויסן וואוקס און אַנטוויקלונג.

רעדט מען וועגן הונדערט יאָר יידיש לעבן אין קאַליפאָרניע, איז זייער וויכטיק זיך אויך אַביסל באַקענען מיט דער אַלגעמיינער געשיכטע פון אונדזער שטאַט, פון וועלכן מיר זיינען אַן אינטעגראַלער טייל. וויל איך דאָ ביי דער געלעגנהייט, פאַרצייכענען אַ פּאָר וויכטיקע מאָמענטן אין דער געשיכטע פון דעם אַזויפיל באַזונגענעם שטאַט — קאַליפאָרניע, און וועגן דעם נעכטן און היינט פון אונדזער היגן יידישן ישוב.

יעדער שטאַט אין דער „יוניאָן" האָט זיכער צו דערציילן אַן אינטערעסאַנט קאַפּיטל, פון זיין אויפבלי און דעם באַזונדערן אָרט וואָס ער האָט פאַרנומען אין דעם אויפבוי פון לאַנד. כידוע, איז אמעריקע אַ לאַנד פון פּיאָנערן, און די איינוואנדערער אין די שטאַטן זיינען געקומען מארבע פינות העולם. קאַליפאָרניע אין דעם פאַל, איז געווען אַן אויסנאַם. אהערצו האָבן זיך וואנדערער געצויגן, מערסטנס, פון די שוין עקזיסטירנדיקע שטאַטן, פון לאנד גופא. מען מעג דע־ריבער זאָגן, אַז קאַליפאָרניע איז געווען און איז עד היום, דער „שמעלץ־טאָפּ" פון אמעריקע.

קיין שטאַט אין לאַנד איז אַזוי ראַשיק־שנעל געוואָקסן, הן אין דער גרויס פון באַפעלקערונג, הן אין פּראָדוקטיוויטעט, אויך אין אויפנאַם־פיאיקייט פאַר אַ כסדר וואַקסנדיקער אימיגראַציע, ווי דער שטאַט קאַליפאָרניע. געוויס זיינען געווען ספּעציפישע סיבות און באדינגונגען: קלימאַטישע, געאָגראַפישע און פּאָ־ליטישע, וואָס האָבן ניט ווייניק בייגעטראָגן צו דעם אַנטוויקלונגס פּראָצעס.

אינם יאָר 1846 האָט זיך אָנגעהויבן אַ גאַנץ ערנסטער שטרייט, צווישן אַמעריקע און מעקסיקאָ, איבער דעם טעריטאָריעלן רעכט און ממשלה פון טעקסעס, ניו־מעקסיקאָ און קאַליפאָרניע. אַזוי ווי די ערשטע צוויי טעריטאָריעס זיינען שוין סיי ווי היפשלעך באַזעצט געווען פון אמעריקאנער און במילא איז שוין דער לעבנס־שטייגער דאָרטן אויך געווען אין דעם גייסט פון דער דאַ־מאָלסדיקער אַמעריקע, איז די מלחמה דעריבער הויפּטזעכלעך געווען געצילט פון אַמעריקע צו דעראָבערן קאַליפאָרניע.

דער פּרעזידענט, דזשיימס ק. פּאָלק, האָט געשיקט דאָן אַן אַרמיי פון 18 הונדערט מאַן נאָך קאַליפאָרניע. אויף זיין אַפּעל פאַר וואָלונטירן אין דער מלחמה מיט מעקסיקאָ, האָט זיך אויך אָפּגערופן דער מאָרמאָנישער פירער בריגאַם יונג, וועלכער האָט זיך דאָן געפונען אויף זיין וואַנדער־וועג נאָך קאַליפאָרניע. ער האָט באַדאַנקט דעם פרעזידענט פאַר דער געלעגנהייט וואָס ווערט אים געגעבן צו שיקן 500 פון זיינע נאָכפאָלגער, כדי צו העלפן אין דער מלחמה איינצונעמען קאַליפאָרניע. דער פּיפּיקער בריגאַם יונג האָט, פאַרשטייט זיך, געהאַט זיינע פּאָליטישע מאָטיוון: פאַרפאָלגט און געיאָגט פון שטאָט צו שטאָט, פאַר זיין רעליגיע און גלויבן אין פּאָליגאַמיע, האָט ער געהאָפט אַז דורך אַזאַ פּאַטריאָטישע האַנדלונג, וועט מען אים פאַרגעבן די „זינד" און מע וועט אים צורו לאָזן; ער וועט ענדלעך קענען געפינען אַ מקום־מקלט, פאַר זיין גלויביקער סעקטע. (לסוף האָט ער נאָכדעם אוקגעוואָנדערט אין דעם גרויסן יוטא טאָל און דאָרטן שוין פאַרבליבן).

הגם דער שטרייט צווישן די ביידע לענדער האָט זיך געצויגן פאַר אַ שיינע פאָר יאָר, איז עס אָבער צו קיין גאָר גרויסע שלאַכטן ניט געקומען. דעם 2טן פעברואר, 1848, האָט גוַדאַלופּאַ הידאַלגאָ, פון מעקסיקאָ, אונטערגעשריבן אַן אָפּמאַך מיט אַמעריקע, אַז אויף די אַלע טעריטאָריעס, פון טעקסאַס, ניו־מעקסיקאָ און קאַליפאָרניע, האָט נאָר אַמעריקע די אויסשליסלעכע רעכט און ממשלה. און פאַר דעם, וועט אַמעריקע געבן מעקסיקאָ די סומע פון 15 מיליאָן דאָלאַר. אין צוגאָב, וועט זי אויך דאַרפן אויסצאָלן די סומע פון 3 מיליאָן דאָלער צו די אַמעריקאַנער בירגער, וועלכע האָבן געמאָנט פון מעקסיקאָ שאָדן־געלט פאַר־גיסיגונג.

דערמיט האָט ענדלעך גענומען אַ סוף צו דער מלחמה פון די צוויי שכנות־דיקע לענדער, און קאַליפאָרניע איז געוואָרן אַ טייל פון אַמעריקע.

דער שטאָט קאַליפאָרניע וואָלט מסתמא געבליבן הינטערשטעליק אין אַ סך זאַכן, ווי אַנדערע מיטל־מערבדיקע שטאָטן. לכל הפחות, וואָלט זיין אַנטוויקלונגס פּראָצעס ניט געגאַנגען מיט אַזאַ שנעלן שוואונג און טעמפּאָ. געבליבן וואָלט ער, לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן, אין דעם זעלביקן לעטאַרגישן מצב ווי ס'איז געווען אונטער מעקסיקאָ. מחמת אפילו נאָך דער מלחמה איז כמעט קיין ענדערונג אין לעבן דאָרטן ניט פאָרגעקומען. מעקסיקע האָט כמעט ווי גאָרניט געטאָן פאַר דער אַנטוויקלונג פון די גרויסע נאַטירלעכע רעסורסן אין קאַליפאָרניע.

דאָס לאַנד איז געבליבן, ווי פריער, אונטער דעם רוימיש־קאַטוילישן איינפלוס: די אַלטע גרויע „מישיאָנס" און די פרומע פראַנסעסקאַנער פּריסטער האָבן באַהערשט, לגמרי, דאָס עקאָנאָמישע און גייסטיקע לעבן. קיין אינדוסטריע איז ניט געווען, אויף די גרויסע שטרעקעס לאַנד האָבן זיך געפּאַשעט צענדליקער טויזנטער פּי און רינדער און דאָס איז געווען די הויפּט הכנסה פון לאַנד. דאָס לעבן איז געווען פּרימיטיוו און פלעגמאַטיש; דער דורכשניטלעכער מעקסיקאַנער האָט, פוילנדיק זיך, געדרימלט הינטער אַ שאָטן־בוים, שיצנדיק זיך פון די הייסע קאַליפאָרניער זון־שטראַלן. די שוואַרץ־אויגיקע סיניאָריטעס האָבן אונטער זייערע פעכערס, שעלמיש געפלירטעוועט מיט די אַמעריקאַנער און פון די אָפענע ווינ־שענקען האָט זיך כסדר געהערט דאָס רימפּלען פון פידלען און גיטאַרן און דאָס האַפּקען פון דער פעדאַנגאַ (שפּאַנישער טאַנץ). די דאָזיקע פלעגמאַטישקייט

און אינדאַלענץ וואָלט אפשר נאָך אָנגעהאַלטן, ווי געזאָגט, פּאָר אַ סך יאָרן, ווען . . . ווען ס׳וואָלט פּלוצלינג ניט פּאַסירט דאָרטן עפּעס אַזוינס, וואָס האָט מיטאַמאָל ווי אויפגעריסן די גאַנצע אַלטע ציוויליזאַציע ביז די וואָרצלען. ס׳האָט שוין ניט איינמאָל פּאַסירט אין אונדזער וועלט, וואָס געוויסע צופאַלן האָבן ווי אויפגעטרייסלט און רעוואָלוציאָניזירט אַלטע פאָרמען און לעבנס־פירונגען. איי־נער פון אַזעלכע אויסטערלישע צופאַלן האָט פּאַסירט, צו יענער צייט, אין קאַ־ליפאָרניע. נעמלעך: די אַנטדעקונג פון גאָלד.

נאָך דער מלחמה מיט מעקסיקאַ, אין דעם סאַקראַמענטאָ טאָל, אויף דעם לאַנד פון איינעם דזשיימס א. סוטער, איז געפונען געוואָרן גאָלד אין אַ גאַנץ היפשער קוואַנטיטעט. דזשאָן מאַרשאַל, אַ בויער פון מילן, האָט געמאַכט די אַנטדעקונג בעת ער האָט געגראָבן דאָרט פּאָר אַ מיל. די דאָזיקע נייס איז תיכף אויסגערונען. דאָס פאַרכישופטע וואָרט „גאָלד“ איז גלייך פאַרשפּרייט געוואָרן, פון מויל צו מויל, צו יעדן איינוואוינער אין יענע מקומות. גלייכצייטיק האָט זיך די עלעקטריזירנדיקע נייס, ווי אַ ווילד־פייער, אויך פאַרשפּרייט איבער אַלע ווינקלען פון דער גרויסער, צעשפּרייטער אַמעריקע. די דאָזיקע וואונדערלעכע געשעעניש, האָט שטאַרק גורם געווען צו ווערן אַ דעצידירנדיקער פאַקטאָר, אין דעם ביז גאָר וויכטיקן ווענד־פונקט אין דער געשיכטע פון קאַליפאָרניע.

דער באַרימטער „גאָלד־ראַש“ פון 1849 האָט געבראַכט אַהערצו צענדלי־קער טויזנטער איינוואַנדערער. סאַן פראַנציסקאָ, דאָס דאַמאָלסדיקע „טענט־שטעטל“, איז מיטאַמאָל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שטאָט פון אַ 30 טויזנט מענטשן, וועלכע האָבן זיך נאָכאַנאַנד געצויגן צו די בערג, „פּראָספּעקטירן“, זוכן גאָלד. געקומען זיינען אַהער כלערליי עלעמענטן, און טיילמאָל פון צווייפל־האַפטיקן כאַראַקטער — אַוואַנטוריסטן, „געמבלער“, אַנטלאָפענע פאַרברעכער און אויך אַזעלכע וועלכע האָבן בכלל זיך געוואָלט באַפרייען פון זייערע טאָג־טעגלעכע זאָרגן און איינטאָניקן לעבן, פון פאַמיליען פליכטן א.אַ.וו. די אַלע האָבן דערזען פאַר זיך, מיטאַמאָל, עפּעס אַ ציל, אַ וויזיע פון גיך רייך ווערן. דאָס אַליין האָט שוין כמעט ווי באַרעכטיקט זייער וואַנדער־לוסט, אין די אויגן פון זייערע נאָענטע.

דער גאָלד פיבער האָט אַלעמען אַנגעשטעקט און די אַרבעט אין שטאָט און אין דאָרף, האָט זיך כמעט ווי אָפּגעשטעלט. דער פאַרמער האָט איבערגע־לאָזט די ערד ניט באַאַרבעט. דער שמיד און דער סטאָליאַר, דער שוסטער און דער מוליאַר, האָבן דאָס געצייג זייערס פאַרוואָרפן. שיפן און פערים זיינען געשטאַנען אין סאַן פראַנציסקער האַפן, אַנגעלאָדן מיט זאַכן און סחורות און געפוילט אויס מאַנגל אין אַרבעטער אויסצולאָדן זיי. סאַן פראַנציסקאָ איז ניט גרייט געווען פאַר אַזאַ פּלוצימדיקן גרויסן צופלוס פון מענטשן; איז דער יקרות געווען גרויס און די פרייזן אויף זאַכן זיינען געשטיגן הימל־הויך. אין אַנהויב איז די נייס פון דעם „גאָלד ראַש“, אין דער פרעסע אויפגענומען געוואָרן זייער סקעפּטיש. אייניקע האָבן עס אַפילו באַטראַכט פאַר אַ פּשוטער ווילדער משוגעת. אָבער וואָס ווייטער, איז דער געלאָף נאָך גאָלד געוואָרן כמעט ווי אַ לאַנד־פּסיכאָז, און דער ענין האָט זיך שוין ניט געלאָזט מער איגנאָרירן.

אַרום 1849 האָט די „ניו־יאָרק טריביון“ ספּעציעל געשיקט דעם באַוואוסטן שרייבער, באַיאַרד טעילאָר, כדי צו באַשרייבן די וואונדער פון אָט דעם נייעם

שטאַט, אין דעם וויטן מערב. אויף זיין שיף, אין ניו־אָרלינס, וועלכע האָט אים געפירט נאָך סאַן פראַנציסקאָ, האָט ער אָנגעטראָפן אַ היפשע צאָל געמבלער, לאַיערס, דאָקטוירים, רעדאַקטאָרן און געלערנטע פון אַלע שטאַטן. זיי אַלע האָט ער נאָכדעם געטראָפן ביי די גאָלד מינעס. טעילאָר אַליין, האָט אויך ניט געקאָנט ביישטיין דעם נסיון און איז אַוועק אויף אַ פּאָר טעג מיטן „פּיק און פּען" (גראָב־אייזן און שיסל) פּרובירן „מזל". זיינע דערפאַרונגען און איבערלעבונגען מיט פאַרשיידענע עלעמענטן און כאַראַקטערן און די באַוואונדערונג פון די אומפּאַר־גלייכלעכע נאַטור שיינקייטן פון דאָרטן האָט ער נאָכדעם באַשריבן אין זיינע קאַליפאָרניער באַלאַדן.

טראָץ דעם וואָס די הערשאַפט איבער קאַליפאָרניע איז איבערגעגאַנגען פון מעקסיקאָ צו די פאַראייניקטע שטאַטן, איז אָבער קיין סטאַבילע געזעצלעכע אָרדענונג נאָך אַלץ ניט געווען. צווישן דעם גרויסן אָנגעלאָף פון די פאַרשיידענע צוויפּלהאַפטיקע עלעמענטן, האָבן זיך אויך געפונען ניט ווייניק „דעס־פּעראַדאָס" און מאָרד, גזילה און גנבה, זיינען געווען דאָרטן גאַנץ געוויינלעכע דערשיינונגען. צוליב דעם דאָזיקן כאַאָס, אומאָרדענונג און געזעצלאָזיקייט, זיינען נאָכדעם אויפגעקומען דאָרטן די באַוואוסטע „ווידזשילאַנטיס" (אַ קאַליפאָרניער פּראָדוקט), וועלכע זיינען דאַן געצוואונגען געווען צו נעמען דאָס געזעץ אין זייערע אייגענע הענט. אויב מע הערט נאָך היינט אַמאָל, פון אַ פּלוצימדיקן אויפשפּרינגען פון אַ „ווידזשילאַנטי" גרופּע אין קאַליפאָרניע קעגן „אומגעוואונטשענע" רעוואָלוציאָנערן, סטרייקערס וכדומה, זיינען זיי, נאַטירלעך, אומגעבעטענע געזעץ־היטער. אַן איבערבלייבעכץ פון דעם אַמאָליקן טומלדיקן כאַאָטישן מצב, וואָס האָט געהערשט צו יענער צייט, אין דער אַזוי־גערופענער „גאָלד־ראַש" עפּאָכע.

טראָץ דעם אַלעם, איז אָבער קאַליפאָרניע גאַר גיך צו זיך געקומען. מיט דעם אויסגעשעפּטן גאָלד, האָט אויך די לופט גענומען זיך אַביסל אָפּרייניקן. צוביסלעך האָט זיך אָנגעהויבן אויסקריסטאַליזירן אַן עפנטלעכע מיינונג און אַ מער סטאַביל לעבן. עס האָבן בולט זיך אַרויסגעטיילט די מער אַרבעטזאַמע, נאַטור ליבנדיקע, צו ערד צוגעבונדענע געזונטע מענטשן. אַזעלכע, וועלכע האָבן לכתחילה זיך געצויגן צום וויטן מערב, צום נייעם פּיל צוזאָגנדיקן לאַנד. נים אַוואַנטורעס האָבן זיי געזוכט, נאָר דאָ אויף דער קאַליפאָרניער ערד האָבן זיי זיך געוואָלט באַזעצן, איינוואָרצלען זיך דאָ, ממשיך זיין די ערד־אַרבעט, וואָס איז צו זיי איבערגעגאַנגען בירושה פון דורות און וואָס האָט איינגעוועבט זיך שטאַרק אין זייער פלייש און בלוט.

אָט דער עלעמענט ווערט דאָ עד־היום באַצייכנט ווי די „אַלט־קאַליפאָרניער". זיי האָבן באמת אַוועקגעלייגט דעם יסוד פאַר אַ סטאַבילער אָרדענונג און אַ געזונטער, ווירטשאַפטלעכער עקאָנאָמיע. אַ דאַנק זייער אומבאַגרענעצטער ענערגיע און עקשנות האָט אויפגעבליט אָט דער גרויסער מערב׳דיקער שטאַט, פון דער זוניקער קאַליפאָרניע.

פּאַראַלעל מיט דעם וואוקס פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג, איז אויך פענאָמענאַל געוואַקסן דער יידישער ישוב. די איינוואַנדערונג אַהער בכלל איז

געגאַנגען מיט ריזן־שריט און איז אין אַ פּראָצעס פון כסדרדיקן און אומאויפ־הערלעכן וואַקסן. היינט, צום הונדערט־יאָריקן יובל, ציילט שוין דער שטאַט קאַליפאָרניע אַן ערך 12,450,000 נפשות.

## ב

ביי אונדזערע ניט יידישע געשיכטע שרייבער וועגן קאַליפאָרניע, איז כמעט ווי ניט בנמצא אפילו אַן אָנווייז פון יידישן אנטייל, סיי אין דעם קאַמף פאַר דער דעראָבערונג פון קאַליפאָרניע, סיי אין דעם גרויסן געלאַף נאָך גאָלד אין 1849, און אויך ניט אין דער ערשטער לאַנד באַזעצונג און פּיאָנערטום. כ׳מיין אָבער, אַז עס איז ניט געווען קיין בכיוון׳דיקער פאַרזען פון יענע היס־טאָריקער. זיי האָבן בכלל ניט דערמאָנט קיין טיפּן פון באַשטימטע נאַציאָנאַ־ליטעטן. און דער יידישער אנטייל אין יענער שטורעמדיקער, ראָמאַנטישער עפּאָכע פון 1849, איז געווען פון אַזאַ קליינער פּראָפּאָרץ, אַז איך בין מיר שטאַרק מסופק צי די היסטאָריקער פון יענער צייט האָבן בכלל געהאַט וועלכע עס איז השערה וועגן יידישן אנטייל.

מען קען זיך משער זיין פון דעם פאַקט אַליין, אַז לויט דעם צענזוס פון 1850 איז די אַלגעמיינע באַפעלקערונג אין לאס אנגעלעס באַשטאַנען אין גאַנצן אַרום 1,600 נפשות, פון וועלכע עס זענען געווען בלויז זעקס יידן. אין סאַן פראַנ־ציסקאָ, וואו דער רוב פון די איינוואַנדערער האָבן זיך צוערשט אָפּגעשטעלט, האָט די דאָרטיקע „דירעקטאָרי״ פון 1850, געהאַט אין זיך אַ ליסט פון אַ הונ־דערט נעמען, וועלכע האָבן געקלונגען ווי יידישע. דאָ און דאָרטן איבערן שטאַט, האָבן זיך געפונען אַ צאָל יידן, וועלכע זיינען מיטגעריסן געוואָרן מיט דעם אַלגעמיינעם מענטשן־שטראָם, אין צייט פון דעם באַרימטן „גאָלד־ראַש״. אָט די ניט גאָר גרויסע צאָל יידן זענען אין אָנהויב געווען, ווי פאַרלוירענע אייבסן אין דעם גרויסן ווילד־כאַאָטישן אָנגעלאָף פון אַ געמישטן המון, וואָס האָט זיך געיאָגט נאָך אַוואַנטורעס און גיך רייך ווערן. די מערסטע פון די יידן האָבן זיך דאַן אָפּגעגעבן מיט קליין האַנדל. איך ווייס ניט צי קען מען וועגן זיי ריידן, ווי וועגן אַ יידישן פּיאָנערנטום, אין זעלביקן זין, ווי וועגן די ניט יידישע „סעטלערס״ פון דער „קאָווערד וועגאָן״ עפּאָכע, וועלכע זיינען לכתחילה געקומען אַהערצו נעמען באַדן פאַר ערד באַאַרבעטונג.

זייער טרעפלעך האָט אונדזער חשובער דיכטער ה. רויזענבלאַט כאַראַק־טעריזירט דעם געדאַנק אין זיין לענגערער פּאָעמע „צום ווילדן מערב זינג איך״:

(אויסצוג פון דער פּאָעמע)

„עס האָבן זיך אונדזערע אַש־גרויע בויד־קאַראַוואַנען
אַריבער די ווייסע סיערעס צו דיר ניט געצויגן.
מיר האָבן אין אונדזערע תפילות,
צו גאָט פון אברהם און יצחק און יעקב,
אַריבער גאָלדענע ביקסן די קעפּ נישט געבויגן.
נישט אונדזערע פיס האָבן איבער דיין באַרג־לאַנד
די וועגן די ערשטע פאַנאַנדערגעטראָטן,
נישט אונדזערע הענט האָבן איבער דיין פלאַך־לאַנד דאָס ברוינע
די שטעט און די דערפער פאַנאַנדערגעשאָטן.

דאָך קען מען ניט פאַרזען דעם פאַקט, אַז אייניקע יידן פון די שוין דאַ־מאָלסט איינוואַנדערנדע האָבן אַוועקגעלייגט דעם יסוד פאַר אן אויסגעברייטערטע אינדוסטריע און קאָמערץ. אויך האָבן זיי בישט פאַרגעסן, אין דער זעלביקער צייט, זייער רעליגיעזע אָנגעהעריקייט, זייער יידישקייט. נאָך אין 1849 האָבן אַרום 10 יידן אין סאן פראנציסקא, זיך צוזאַמענגעקומען אום יום־כפור, אין אַ געצעלט פון איינעם אַ לואיס פרענקלין, אָפּהאַלטן זייערע תפילות. אַ צווייטע קליינע גרופּע אין סאן פראנציסקא האָט געדאַוונט בציבור אין אַ צימער איבער אַ קראָם. דעם זעלביקן יאָר איז דאָרטן געגרינדעט געוואָרן די ערשטע שול, „שארית ישראל", פון פּוילישע און ענגלישע יידן, און אַ צווייטע שול, „עמנואל", פון דייטשע און אַמעריקאנער יידן. אַרום אַ טוצן מנינים זענען אויך אויפגעקומען אין די מינען שטעטלעך, ווי קאַלאַמאַ, סאנארא און אַנדערע. סאָנארא האָט שוין אפילו געהאַט אין יאָר 1851 אַ „היברו בענעוואָלענט סאָסייעטי", הגם די מערסטע פון אָט די קליינע יידישע גרופּן זענען מיט דעם אָפּשטעל פון דעם „גאָלד בום" פעריאָד כמעט ווי פאַרשוואונדן איינגאַנצן.

ווי געזאָגט, האָבן אַ צאָל יידן, די גאַנצע צייט זינט דעם אויפקום פון שטאַט, גענומען אַ טיכטיקן אנטייל אין זיין וואונדערלעכן פאַנאַנדערבלי אויף אלע געביטן. איך וועל דאָ בלויז דערמאָנען עטלעכע אַקטיווע פערזענלעכקייטן אין דער אינדוסטרי און קאָמערץ, כדי זיך צו שאַפן אַ באַגריף פון די ערשטע יידן דאָ אין יענער פּיאָנערן עפּאָכע: די דריי ברידער לאזארד האָבן נאָך 1850 געמאַכט זייער ערשטן דערפאָלגרייכן פינאַנציעלן אָנהויב אין קאַליפאָרניע, און נאָכדעם ערשט האָבן זיי זיך אַריבערגעקליבן נאָך ניו־יאָרק און אויפגעשטעלט דאָרטן זייער באַנק געשעפט. מאריטץ פרידלענדער איז אין דעם יאָר 1870 באַטראַכט געוואָרן אַלס דער „תבואה־קעניג". לאכמאן, דזשעיקאבס און דרייפוס האָבן דאָ אויפגעשטעלט אַ גרויס ווייַן געשעפט. א. יאסטרא האָט זיך באַשעפטיקט מיט פּי און רינדער. די קאָשלאנד משפחה, סוחרים פון וואָל, דעניעל מייער האָט דאָ איינגעפירט אירריגאַציע סיסטעמען. קעסטל, גוגענהיים און ראַזענבערג האָבן אָנגעפירט מיט גרויס פּרוכט האַנדל. די העלמאנס, ווארמסעס און גלעסער האָבן דאָ אויפגעשטעלט גרויסע פינאַנץ אינסטיטוציעס. אַ גאַר אינטערעסאַנטע פּיאָנערן משפּחה, וועלכע איז פּראָמינענט עד היום אין לאָס אנגעלעס, זיינען די ניומארקס. זיי האָבן, בלי שום ספק, געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין דער געשיכטע פון די ערשטע יידישע איינוואַנדערער אין קאַליפאָרניע.

כ׳וועל זיך ניט אָפּשטעלן דאָ אויף פּרטים וועגן די דערמאָנטע יידישע אינדוסטריאַליסטן. ס׳איז אָבער ניט ווייניק קלאָר, אַז וואָס שייך צום מאַטעריעלן אויפבוי און אַנטוויקלונג פון שטאַט זיינען זיי ווייט נישט געווען הינטערשטעליק.

חוץ דעם וואָס דאָ און דאָרטן זיינען געמאַכט געוואָרן פאַרזוכן עפּעס צו טאָן לטובת דעם כלל; קען מען אָבער ניט זאָגן אַז אין דעם ערשטן האַלבן יאָרהונדערט פון יידישער באַזעצונג אין קאַליפאָרניע איז עפּעס וויכטיקעס געטאָן געוואָרן אויף דעם יידישן געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן געביט. אַן אָרגאַניזירט יידיש קהילה לעבן איז כמעט ווי נישט געווען. סיבות זיינען געווען כלערליי און אפשר גאַנץ פאַרשטענדלעכע: אַ ניי לאַנד מיט כלערליי מעגלעכקייטן און געלעגנהייטן, האָט די פרישע איינוואַנדערונג געבראַכט מיט זיך אַהערצו אַ צווייערלייאיקן יידישן עלעמענט. איינער אַן ענערגיש־וואַגנדיקער,

אַ געלט־זוכנדיקער, וועמעס גאַנצער גייסטיקער מהות האָט זיך מערסטנס אַריי־ענטירט ווי אַזוי גיך רייך צו ווערן. אָט דער עלעמענט האָט זיך תיכף אַרייַנ־געוואָרפֿן אין דעם דאָן ראַשיקן און קאַכיקן לעבן און איז געגאַנגען האַנט אין האַנט מיט די בויער פֿון דעם יונגן, נאָך דאַן רוי־אַנטוויקלטן, מערבדיקן שטאַט. דער רוב פֿון זיי האָבן ווייניק מיט זיך מיטגעבראַכט פֿון דער אַלטער היים, און ממילא האָבן זיי אויך ניט געטראָגן אויף זיך דעם יידישן וועלט־שמערץ. דער רוב פֿון זיי זיינען בכלל מיט זייער שוואַכע פּעדים געווען צוגעבונדן צו דאָס וואָס מיר רופֿן איצט, יידיש לעבן. צו זייער שבח אָדער פּייאיקייט, זאָל דאָ געזאָגט ווערן, האָבן זיי זייער ציל פֿולשטענדיק דערגרייכט. אין משך פֿון אַ ניט לאַנגער צייט זענען אַ צאָל פֿון זיי געוואָרן גרויסע געלט־מאַגנאַטן און לאַנד־באַלעבאַטים אין דעם ווייטן מערב. גרויסע דעפּאַרטמענט קראָמען און באַנקן ציילן זיך נאָך עד־היום צווישן די יידישע אייגנטימער — יורשים פֿון יענע ערשטע איינוואַנדערער.

דער צווייטער עלעמענט, וואָס האָט אָנגעהויבן איינוואַנדערן אַהערצו, אין אָנהויב פֿון דעם יאָרהונדערט, איז געווען דער היפוך פֿון דעם ערשטן — אַ נידערשלאָגענער און אַ קראַנקער. קאַליפֿאָרניע, און דער עיקר לאָס אַנגעלעס, איז באוואוסט געוואָרן איבערן גאַנצן לאַנד, מיט איר כסדרדיקער זון־שיין און וואַרעמען קלימאַט; האָבן זיך געגומען ציען אהערצו, ניט ווייניק קראַנקע, טו־בערקולאָזע, כדי צו היילן זיך. ניט קיין גליקן אָדער גיך רייך ווערן האָבן זיי געוואָלט, נאָר וואָס אַמגיכסטן געזונט ווערן און אומקערן זיך צוריק צו זייערע פֿאַמיליעס און פֿריינט, פֿון וואַנען זיי זיינען געקומען. זאָל דאָ אויך רעקאָרדירט ווערן, אַז אַ היפּשע צאָל פֿון די איינוואַנדערער אין יענעם פּעריאָד זענען געווען אומפֿאַרהייראַט, וואָס דאָס אויך באַווייזט אויף אַ ניט־סטאַבילע איינגעוואָרצלט־קייט. אָט די דערמאָנטע עלעמענטן, די ערשטע ווי די צווייטע, האָבן ניט באַוויזן צו טראָגן מיט זיך דעם פֿולן יידישן באַוואוסטזיין און געזעלשאַפֿטלעכע אחריות, כדי צו קענען ווערן דאָ די בויער און שאַפֿער פֿון אַן אָרגאַניזירט שעפֿעריש כלל־לעבן.

ביים אָנהויב פֿון די צוואַנציקער יאָרן פֿון דעם יאָרהונדערט, האָט זיך דאָס בילד גאָר שטאַרק געביטן. קאַליפֿאָרניע איז באמת געוואָרן די מעקא פֿון דעם וואַנדערבדיקן אויף אַן אומגעהויער גרויסן אופֿן. מיט דעם ראַשיקן וואוקס פֿון דער אַלגעמיינער באַפֿעלקערונג איז אויך כסדר געוואַקסן די יידישע, באַזונדערס אין לאָס אַנגעלעס. יידישע פֿאָלקס מענטשן פֿון אַלע טיילן פֿון אַמעריקע און קאַנאַדע האָבן זיך אָנגעהויבן ציען אהערצו, זיך דאָ צו באַזעצן און פֿאַרבלייבן. עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָ אַ וויברירנדיקע אַקטיווע טעטיקייט אויף אַלע געביטן פֿון יידישן געזעלשאַפֿטלעכן און קולטורעלן לעבן. דער ערשטער יסוד פֿון דעם באַרימטן דואַרטי סאַניטאַריום איז פֿאַרלייגט געוואָרן פֿון די יידישע אַר־בעטער מאַסן אין לאָס אַנגעלעס.

אין סעפּטעמבער 1912 האָט זיך אָנגעהויבן דאָ אַ באַוועגונג פֿאַר דעם אויפֿבוי פֿון אַ טובערקולאָזאָס סאַנאַטאָריום. אינטערעסאַנט איז צו באַמערקן, אַז אָנגעהויבן די באַוועגונג האָט דער איין איינציקער אַרבעטער רינג בראַנטש, נומער 248, וואָס האָט דאָ עקזיסטירט דאַן. און, מיט די ערשטע זעכצן הונדערט דאָלער, וואָס מע האָט צוזאַמענגענומען, איז געקויפֿט געוואָרן אין דואַרטי,

נעבן מאַנראָוויאַ, קאַליפ., אַ שטיקל לאַנד פון צען אַקער, אויף וועלכע מע האָט אַוועקגעשטעלט צוויי לייוונטענע געצעלטלעך, פאַר די ערשטע צוויי פּאַציענטן וואָס מען האָט געקענט, לעת־עתה, באַזאָרגן. פון אָט דעם מאָגערן אָנהויב אין 1912 איז איצט אויסגעוואַקסן איינע פון די גרעסטע און שענסטע מעדיצינישע לאַנד אינסטיטוציע — „די שטאָט פון האָפענונג".

דעם זעלביקן פּיאָנערן וועג האָט דורכגעמאַכט דער „מאַונט סיני" שפּיטאָל. אין 1920 האָט אין „בויל־הייטס", דער דאַמאָלסדיקער יידישער געגנט, געגריגדעט זיך אַ ביקור חולים געזעלשאַפט, פאַר נויטבאַדערפטיקע אָרעמע קראַנקע. דער „מאַונט סיני" שפּיטאָל איז איצט אויסגעוואַקסן צו אַ גאָר גרויסער מעדיצינישער הילף אינסטיטוציע, אויסשליסלעך פאַר אָרעמע. מיט דער הילף און עקשנות פון די פאַראייניקטע יידישע פאָלקס אָרגאַניזאַציעס, ווערט איצט געבויט אַ גאָר גרויסער 8־גאָרנדיקער בנין, אין דעם מערבדיקן טייל פון שטאָט, פאַר דעם נייעם „מאַונט סיני" שפּיטאָל און „קליניק".

כדי צו פאַררעגיסטרירן אַלע וויכטיקע אנשטאַלטן און אינסטיטוציעס וואָס פאַרנעמען אַ בכבוד חשובן אָרט אין דעם קהילה לעבן פון לאָס אַנגעלעס הײַנט צו טאָג, וואָלט עס זיכער פאַרנומען אַ סך מערער פּלאַץ וויפיל מיר קענען זיך דאָ דערלויבן. בכן וועלן מיר זיך אין דעם אַרטיקל באַגנוגענען נאָר מיט אָפּשטעלן זיך אַביסל לענגער, אויף דער גרויסער צענטראַלער קערפּערשאַפט — דעם „יידישן קאַמיוניטי קאָנסול". אַ קערפּערשאַפט אין וועלכער ס'איז איצט אָנגעשלאָסן איבער 400 יידישע אָרגאַניזאַציעס, און אונטער וועמעס השגחה עס ווערט דירעקטירט אַ גרויסע פאַרצווייגטע קהלשע טעטיקייט.

ווי געזאָגט, איז לאָס אַנגעלעס, אין דעם יאָר 1912 געווען אַ גאָר קליינע יידישע קהילה, וואָס האָט קוים געציילט דאַן אַן ערך 25 טויזנט יידישע נפשות. דאָס יידישע כלל־לעבן איז נישט געווען אָרגאַניזירט און איז באַהערשט געווען ס'רוב פון די דייטשישע יאַהודים. די מזרח־אייראָפּעאישע יידן האָבן זיך באַגנוגנט מיט די פאַר תלמוד תורה'ס, וואו קדיש און קידוש איז געווען דער עיקר פון דעם חינוך.

פון יענער צייט אָן אָבער האָט די איינוואַנדערונג אהערצו, מיט יעדן יאָר, גענומען זיך אַלץ מערער און מערער פאַרגרעסערן. ס'האָט זיך אָנגעהויבן באַוויזן אויף דער יידישער גאַס כלערליי גרופּן און געזעלשאַפטן מיט פאַרשיידענע אַקטיוויטעטן אין היגן כלל־לעבן, מיט אַלץ וואָס אַ יידישע וואַקסנדיקע קהילה שטעלט מיט זיך פאַר: שולן און טעמפּלען, סאַניטאַריומס און „קליניקס", יתומים־הײַזער און אַ מושב־זקנים, אַרבעטער רינג בראַנטשעס, פאַרבאַנד צווײַגן, און אָרדן בראַנטשעס. אַן אָנהויב פון אַ יידישן שול וועזן, קולטור געזעלשאַפטן און קלובן, אַ יידישע פּרעסע א.אַ.וו. מע קען אָבער ניט זאָגן, אַז סע האָט געהערשט דאָ אַ סיסטעמאַטיזירונג אין דער טעטיקייט פון אָט די אַלע דערמאָנטע אָרגאַנאַזאַציעס און אַנשטאַלטן.

ביז 1934 איז די ל. א. יידישע קהילה כמעט ווי ניט אָרגאַניזירט געווען. יעדע גרופּע האָט דאָ געמאַכט „שבת פאַר זיך". ס'האָט געהערשט אַ צעשוואָרמענקייט און אָן אַ סדר, אויף די מערסטע געביטן פון דער היגער קהלשער טעטיקייט.

צווישן דער ערשטער און דער צווייטער מלחמה, און די גאַנצע צייט נאָכ־

דעם, איז די יידישע איינוואַדערונג אהערצו כסדר געווען אין אַ פּראָצעס פון אַ פעגנאַמענאלן וואַקסן. ווען מיר זאָלן בלויז אָפּשטעלן זיך אויף די יאָרן פון 1934 מיט אַ יידישער באַפעלקערונג פון 82 טויזנט נפשות, און אַן ערך מיט 350 טויזנט יידישע נפשות אין 1954, ווערט פאַר אונדז בולט קלאָר ווי אזוי די איינוואַנדערונג פון אלע טיילן פון די פאראייניקטע שטאַטן און קאנאדע, איז געגאַנגען אהערצו מיט ריזן־שריט. אונדזער קהלשע איינשטעלונג אָבער איז ווייט נישט געווען סיסטעמאַטיש אָרגאַניזירט כדי צו באַענטפערן די געזעל־שאַפטלעכע און קולטורעלע באדערפענישן פון דעם כסדר וואַקסנדיקן היגן יידנטום. און דאָ וואו סע קומט אריין אין חשבון אין דער ערשטער ריי — דער „לאס אנגעלעסער יידישער קאמיוניטי קאנסול", וואָס מיר האָבן פריער דער־מאָנט, אַז מיר וועלן ריידן מער באריכות.

## ג

זינט דער אָרגאַניזירונג פון דעם „ל. א. יידישן קאמיוניטי קאנסול", וועל־כער באַשטייט פון כלערליי שטאַטישע ארגאַניזאציעס, איז אריינגעטראָגן געוואָרן מער ווינציקער אַ קאָאָרדינאַציע אין דער טואונג פון די צאָלרייכע קערפּער־שאַפטן ווי: „ביורא פון יידישער דערציאונג", „יוגנט קאנסול", „סענטער אסס'ן" און צענדליקע אנדערע אָרגאניזאציעס וואָס זיינען אפיליאירט מיט דעם "קאָנ־סול", וועלכער איז אינקאָרפּאָרירט מיט דעם „פאַראייניקטן יידישן וועלפעיר פאָנד" פון וואַנען די פאָנדן ווערן אלאקירט פאַר די לאָקאלע, נאַציאָנאלע און מעבר־לים נויטן. דורך די געזאמלטע פאָנדן איז דערמעגלעכט געוואָרן צו שטאַרקן אַלע יידישע אגענטורן וואָס שטעלן צוזאמען די אָרגאַניזירטע יידישע קהילה אין לאָס אנגעלעס.

דער „קאמיוניטי קאנסול" אין לאס אנגעלעס איז מער ווי א פאָנד זאַמלונג קערפּערשאַפט. דער „קאנסול" גיט זיך אָפּ מיט אַ סך וויכטיקע פונקציעס. געגוג בלויז צו דערמאָנען דעם נאָכאַנאַנד וואַקסנדיקן בודזשעט, פון יאָר צו יאָר, פאַר יידישער דערציאונג, כדי צו באגרייפן מיט וואָס פאַר אַן אחריותפולער ארבעט דער „קאנסול" פאַרנעמט זיך. די „ביורא פון יידישער דערציאונג", וועלכע איז אַן איבטעגראלער טייל פון דעם „קאמיוניטי קאנסול", איז אין דעם יאָר 1934 אלאקירט געוואָרן בלויז 4,000 דאלער, פאַר דער אָנפירונג מיטן היגן יידישן שול־וועזן. און אין יאָר 1945 האָט שוין די סומע דעררגרייכט 75,000 דאלער, און 215,300 דאלער אין יאָר 1953. די „ביורא פאר יידישער דערציאונג" האָט איצטער אונטער איר השגחה 70 יידישע און העברעאישע קינדער שולן פון אַלע שאַטירונגען, מיט אַ באַזוכערשאפט פון אַן ערך 17,000 קינדער. אויך ווערט טיילווייז סובסידירט די היגע פאַראייניקטע יידישע מיטלשול פון דער „ביורא". הגם דער פּראָצענט פון דעם קינדער באַזוך איז אַ גאַנץ מינימאַלער, לגבי דער גרויסער יידישער באַפעלקערונג אונדזערער, דאָך איז עס שוין אַ געוויסע פאַרבעסערונג, הן אין איכות און הן אין כמות, לגבי, אפילו, מיט אַ פּאָר יאָר צוריק.

ס'איז אויך ווערט צו באַמערקן — טאַקע צוליב געשיכטלעכע טעמים — ווי אזוי און ווי גרויס די געזאַמלטע פאָנדן פון דעם „פאַראייניקטן יידישן אפיל"

אַדער „וואָלפער" זיינען געוואָקסן דאָ פון יאָר צו יאָר. עס רעפלעקטירט, בלי שום ספק, אויף דעם כסדרדיקן וואוקס פון דער יידישער באַפעלקערונג, און אויך דער גרויסער פאַרנעם פון דער היגער אָרגאַניזירטער יידישער קהילה. מען קען עס בולט זען פון דער פאָלגנדיקער טאַבעלע:

אין יאָר 1939, האָט דער „וואָלפער פאָנד" געצײלט בלויז 13,547 ביישטייערער; אין 1943 זיינען שוין געווען 23,823; אין 1944 האָט זיך די צאָל ביישטייערער דערהויבן צו 31,697; אין 1945 — 32,000; אין 1947 — 40,065; אין 1948 — 58,108; אין 1949 און 1953 אַריינגערעכנט, זיינען די יערלעכע ביישטייערער פאַרקלענערט געוואָרן, ווי פאָלגט: אין 1949 זיינען שוין געווען בלויז 52,716 אין 1950 — 48,295; אין 1951 — 43,402; אין 1952 — 42,028; און אין 1953 — 43,208. הגם די יידישע באַפעלקערונג איז פאַר די לעצטע דריי יאָר באַדייטנדיק פאַרגרעסערט געוואָרן, איז אָבער די צאָל ביישטייערער פאַרקלענערט געוואָרן.

ניט ווייניקער אינטערעסאַנט איז צו וויסן די טאָטאַלע סומען וואָס זיינען אַריינגעקומען אין די לעצטע דריי יאָר: אין יאָר 1950 איז געזאַמלט געוואָרן פון דעם „פּאַראייניקטן יידישן אַפּיל" — $6,934,493; אין 1951 — $5,579,541; אין 1952 — $4,931,591; און אין 1953 — $4,832,330.

די סיבה ווארום די פאַרקלענערונג, די לעצטע עטלעכע יאָר, סיי פון די ביישטייערער און ממילא פון די פאָנדן, קען מען אפשר מערער צושרייבן צו דעם פאַקט, וואָס אַ באַדייטנדיקע צאָל נייע אָריבערגעקומענע האָבן זיך, לעת־עתה, נאָך נישט איינגעזעסן, נאָך נישט אָריענטירט זיך מיט אַן אחריותפולער באַציאונג צום היגן יידישן כלל לעבן; און, אפשר אויך צוליב דעם אָפּגעשוואַכטן עקאָנאָמישן מצב אין לאַנד בכלל. אַזוי ווי אָבער דאָס איז נישט דער עיקר־מאָטיוו פון דער איצטיקער אָפּהאַנדלונג, וועלן מיר מכוח דעם נישט מאריך זיין.

ווי אַ פועל־יוצא פון דער גרויסער פאַרצווייגטער אָרגאַניזירטער טעטיקייט פון דעם ל. א. יידישן קאָמיוניטי קאָנסול" איז אַרויסגעוואָקסן די גרויסע באַדערפעניש פאַר אַ נייעם בנין, וואָס זאָל באַענטפערן די נויטן פאַר דעם אומגעהויערן וואוקס פון דער היגער יידישער באַפעלקערונג און די גרויסע אחריות פון דער אָרגאַניזירטער יידישער קהילה. אין דעצעמבער 1951 איז דער פּרעכטיקער בנין פאַרטיק געוואָרן, און באמת איז דער בנין דער שטאָלץ און סימבאָל פון די גרויסע דערגרייכונגען פון דעם ל. א. אָרגאַניזירטן יידנטום. סאיז די גרעסטע יידישע געביידע אין אַמעריקע, נאָך ניו־יאָרק, וואָס איז ספּעציעל באַצוועקט פאַר די נויטן און באַדערפענישן פון קהלשע אַקטיוויטעטן און אנגעלעגנהייטן: די 90 טויזנט קוואַדראַט פוס פון דעם גרויסן און ווירדיקן פּאַלאַץ נעמט אין זיך אַריין, כמעט אַלע אגענטורן פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן: עס הויזן דאָרטן, אונטער איין דאַך, נאָענט צו פערציק יידישע אָרגאַניזאַציעס, אַפיליאירט מיט דעם „ל. א. יידישן קאָמיוניטי קאָנסול": די „פעדערײשאָן" און אירע צדקה אנשטאַלטן, די „ביוראָ פאַר יידישע דערציאונג", דער „יוגנט קאָנסול", „סענטער אַסס'ן", „די וועלפער באַרד", „דער יידישער ארבעטער קאָמיטעט" און צענדליקע אנדערע אָפּטיילונגען. דער בנין ענטהאלט אַ חוץ די אָפיסעס פאַר די מערסטע אינסטיטוציעס, אויך אַ צאָל קלענערע און גרעסערע

זאַלן פאַר זיצונגען, פּרעכטיק אויסגעשטאַטעט מיט די מאָדערנסטע מעבל און באַקוועמלעכקייטן. אויך אַ פּראַכטפולע „קאַפעטעריע", אַן אייגענע דרוקערײַ, אַ צענטראַלער לאַגער פאַר אָפיס מאַטעריאַלן און אַ „פייער פּרוף" אַרכיוו פאַר פאַרשיידענע רעקאָרדן און דאָקומענטן. אַלץ איז געבויט געוואָרן מיט גרויס רחבות און געשמאַק, אין דעם סטיל פון אַ גרויסער שול אין יפו, ישראל, אין 3טן יאָרהונדערט. נאַטירלעך, מיט דעם אַמעריקאַנער פּאַרנעם, וויסן און טעכניק. אַרום דעם בנין איז אויך פאַראַן אַ היפּשע שטיק לאַנד, מיט אַ פּאַרקינג קאַפּאַציטעט פאַר 150 אויטאָמאָבילן.

אין שכנות מיט דעם „ל. א. יידישן קאַמיוניטי קאַנסול", אויף דעם זעלביקן שטח, איז דעם יאָר, 1954, פאַרענדיקט געוואָרן דאָס געבוי פון אַ נײַער יידישער ביבליאָטעק, פאַר דער ל. א. יידישער קהילה. די ביבליאָטעק איז אײַנגעשטעלט געוואָרן צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון דעם באַוואוסטן חשובן קולטור עסקן און לאַנג־יאָריקער תושב אין לאָס אַנגעלעס, פּיטער מ. קאַהן, וועלכער איז אַוועק געוואָרן דער ערשטער פּאָרזיצער פון דעם ביבליאָטעק קאָמיטעט, ווען דער „קאַמיוניטי קאַנסול" האָט מיט 7 יאָר צוריק גענומען אויף זיך די אחריות אַזאַ יידישע ביבליאָטעק צו באַשאַפן. די איצטיקע נײַע ביבליאָטעק האָט מען טאַקע באַערט מיטן נאָמען די „פּיטער מ. קאַהן מעמאָריעל ביבליאָטעק". דער נײַער פּרעכטיקער ביבליאָטעק בנין איז באַזאָרגט מיט פּלאַץ פאַר 50,000 ביכער. אַ ספּעציעלן פּלאַץ פאַר 2,000 זשורנאַלן און פּאַמפלעטן אין פאַרשיידענע שפּראַכן. אַ לייען־צימער די גרויס, פאַר 100 באַזוכער. קלענערע צימערן פאַר פאָרש־אַרבעט. אַ ספּעציעלער פּלאַץ פאַר אויסשטעלונגען פון זעלטענע מאַנוסקריפּטן, יקר־המציאותן און אַנטיקן.

אַ גרויסע צאָל יידישע און אויך ניט יידישע געלערטע און שרײַבער, באַנוצן זיך מיט דער ביבליאָטעק פאַר זייער פאָרש אַרבעט איבער היסטאָרישע מאַטעריאַלן אין שייכות מיט יידיש לעבן. דעם „ל. א. יידישן קאַמיוניטי קאַנסול" קומט באמת אַ גרויסער יישר כוח פאַר אָט דער וווּנדערפולער און קרנ׳דיקער דערגרייכונג — די רעאַליזירונג פון אָט דעם פּרעכטיקן בית־הספר איז אַן אויפטו פון אַ קאָלאָסאַלער באַדײַטונג, פאַר דעם יידישן ישוב אין לאָס אַנגעלעס.

## יידישע סענטערס אין לאָס אַנגעלעס

מיט דעם פענאָמענאַלן וואוקס פון דער היגער יידישער באַפעלקערונג, צעוואָרפן איבער אַן אומגעהויער גרויסן שטח אין אַלע טיילן פון שטאָט און אַרום, איז אַרויסגעוואַקסן די אימפּעראַטיווע נויטיקייט פאַר דעם אויפבוי און אויפהאַלט פון יידישע „סענטערס".

יידישע סענטערס איבערן גאַנצן לאַנד, איז ניט קיין נײַע דערשיינונג אין יידישע לעבן. נײַ — צו אונדזער צופרידנקייט — איז, וואָס פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר זײַנען די „סענטערס", סײַ איבערן גאַנצן לאַנד און סײַ בײַ אונדז דאָ, געוואָרן זייער וויכטיקע זאַמל־פּונקטן פון אונדזער יוגנט, ניט נאָר פאַר פיזישע איבונגען און פאַרווײַלונגען, ווי ס׳איז געווען אין דער גאָר ניט לאַנגער פאַרגאַנגענהייט; נײַערט ס׳ווערט אַרײַנגעבראַכט איצט אין די יידישע סענטערס, יידיש וויסן, יידישע קולטור און ווערטן אין אַ באַוואוסטזיניקער יידישער סביבה.

די יידישע „סענטערס״, אין זייער איינשטעל, זיינען איבערפּאַרטייאיש. מע פרעגט נישט ביי קיינעם פאר קיין פּאָליטישן פּאַספּאָרט. ס׳איז די היים פאַר יעדן יידישן מענטשן און דאָס איז אַ נאָרמאַל־געזונטע דערשיינונג. יידישע „סענטערס״ געפינען זיך איצט אין די מערסטע געגנטן פון שטאַט, וואו ס׳איז פאַראן אַ קאָמפּאַקטע יידישע באַפעלקערונג. חוץ די יידישע קולטור פּראָגראַמען וואָס ווערט געבראַכט פאַר דער יוגנט און דערוואַקסענע, איז אין די מערסטע „סענטערס״ אויך פאַראן קינדער גערטנער, עלעמענטאַר שולן, אין יידיש און העברעאיש.

אונדזער בייטראָג צו די בלעטער געשיכטע פון אונדזער גרויס־וואַקסנדיקן יידישן ישוב, ביים פּאַסיפיק, וואָלט געווען נישט פול און אדעקוואַט, ווען מיר דערמאָנען נישט וועגן דעם נאָר וואָס ניי־דערעפנטן יידישן „קאָמיוניטי״ סענ־טער אין לאָס אַנגעלעס, אין דעם מערבדיקן טייל פון שטאָט. אַ בנין מיט אַ גוואַלדיק גרויסן פאַרנעם, אין שטח און אין תוכן. דער בנין ענטהאַלט אַלץ, וואָס קען נאָר באַוויזן ווערן, צום דינסט און באַקוועמלעכקייט פאַר דער יוגנט און דערוואַקסענע. ס׳איז דער גרעסטער יידישער בנין פאַר דעם צוועק אין אַמעריקע, חוץ אפשר נויאָרק, און קאָסט די ניט קליינע סומע פון אנדערט־האַלבן מיליאָן דאָלאַר. איבעריק צו זאָגן, אַז דער „סענטער״ איז דער שטאָלץ פון דעם ל. א. יידנטום. און דערמעגלעכט איז עס געוואָרן דורך דעם „יידישן וועלפער באָרד״, „ל. א. קאָמיוניטי קאָנסול״ און די „סענטער אַסס׳ן פון ל. א.״

דערפרייענדיק ביז גאָר איז אויך דער פאַקט, אז דער גרויסער עולם וואָס קומט צו די קולטור אונטערנעמונגען פון די יידישע און העברייאישע פּראָגראַ־מען, איז אין זיין רוב אַ יוגנטלעכער און אויך אַ מיטל־יאָריקער. די הונדערטער באַזוכער נעמען אויף די יידישע קולטור פּראָגראַמען מיט אַ היפּשן ענטוזיאַזם. בעת ביי אונדזערע, אזוי גערופענע, יידיש וועלטלעכע צוזאמענקונפטן, זעען מיר דורכאַויס אַ גרוי־קעפּיקן עולם, איז עס באמת אַן אָפּפרישונג און אַ דערמו־טיקונג צו זען אין די „סענטערס״ אַ יוגנט וואָס נעמט אויף און איז וויליק ממשיך צו זיין אונדזערע יידישע קולטור־ווערטן.

דער גראַדואַלער אומבייט וואָס איז פאָרגעקומען ביי אונדזער אַמעריקאַנער יידישער יוגנט אין דער קאָנצעפּסיע פון יידישקייט און יידישע אידעאַלן, מעג מען, בלי שום ספק, צושרייבן צו דעם כוח און השפּעה פון ישראל, אויף די תפוצות.

מיר שטייען נאָך, לעת־עתה, ביים בראשית פון דער גרויסער היסטאָרישער געשעעניש; מיר זיינען נאָך צו נאָענט פון דער וואונדערלעכער נסימדיקער דערשיינונג — מדינת ישראל, אַז מיר זאָלן ביכולת זיין ווי געעריק און עיקר־דיק אָפּשאַצן, די דאָזיגע דערשיינונג, אין דער אמתדיקער פּערספּעקטיוו. קיינער קען אָבער נישט פאַרבייגיין דעם פאַקט און נישט זען וואוהין עס איז בעריכטעט דאָס האַרץ, דער געפיל און שטימונג פון יידישן מענטשן, יונג און אַלט, אין די תפוצות.

דאָס דערפרייענדיקע אין דעם גאַנצן אַספּעקט איז, וואָס דער רוב פון די ענגליש ריידנדיקע האַלב און גאַנצע, פון פריער אסימילירטע יידן, וועלכע זיינען אַ צייט לאַנג געשטאַנען מיטן רוקן צו אונדזער עכטער נאַציאָנאַלער יידישער

קולטור, האָבן זיך אָנגעהויבן דערנעענטערן, און מיט אַ וואַרעמען אינטערעס, צו יידיש לעבן. מיר לערנען עס אויך פון דעם אינטערעס ביי דער אמעריקאנער יידישער יוגנט, אין די „סענטערס״, פון די אקטיוויטעטן זייערע און גאָר באַזונדער איז ווערט זיך אָפּשטעלן אויף דעם פאַקט, וואָס די „וועלפער באָרדס״ אין אַמעריקע, אויף אַ נאַציאָנאַלן מאסשטאַב, האָבן איינגעשטעלט: אַ „חודש פאַרן יידישן בוך״; „אַ חודש פאַר יידישער מוזיק״, אַ וואָך פאַר יידישער דערציאונג. וכדומה. ס׳ווערט צוגעשטעלט צו די „סענטערס״ און אנדערע גרופּן, פּאַסיקע ליטעראטור און פּאַמפלעטן, אויסשטעלונגען פון יידישע און העברעאישע און יידיש ענגלישע ביכער. קונסט אויסשטעלונגען פון מאלעריי און סקולפּטור. ס׳ווערן דורכגעפירט לעקציעס, איבער יידישע ענינים אין די אוניווערסיטעטן און פאָלקס ביבליאָטעקן, אין די „סענטערס״ און ביי אַנדערע פאַראינטערעסירטע יידישע גרופּן.

אין דער איצטיקער תקופה ווערן די נאַציאָנאַלע יידישע קולטור ווערטן, בולטער ארויסגעבראכט, אנטוויקלט און דערהויבן צו גרעסערע נאַציאָנאַלע הויכן. עס קומען צו נייע עכטע יידישע קינסטלער אין ישראל און אין די תפוצות; אויך קערן זיך אום צו אונדז צוריק, אלטע מוזיקער קאמפּאָזיטאָרן. זיי דערנעענטערן זיך אלץ מערער צום יידישן שורש, צום אלטן מקור פון יידישער נאַציאָנאַלער שעפערישקייט.

אין שייכות מיט דעם אַלעם, שפּילן די יידישע „סענטערס״ אַ באַדייטנדע און דעצידירנדיקע ראָל אין דעם צובינדן די יידישע ענגלישע יוגנט, צום יידישן פאָלק, זיינע אידעאַלן און אינספּיראציעס.

דער 100־יאָריקער יובל פון יידישן ישוב אין קאַליפאָרניע, בעיקר לאָס אנגעלעס, וואָס מיר פייערן דעם חודש, איז זיכער אַ זייער וויכטיקע היסטאָרישע דאַטע, וואָס פאָדערט פון אונדז חשבון הנפש. ד.ה. אונטערציען אַ סך הכל פון אונדזער איינגעוואָרצלטקייט אויף דעם היגן באָדן. מיר שטייען איצט ביים סאַמע בראשית, פון דעם צווייטן יאָרהונדערט, פון אונדזער לעבן דאָ, אין דער זוניקער קאַליפאָרניע. די געשיכטע האָט אונדז אָוועקגעשטעלט פאַר אַ מילעניום — אַ צייט אָפּשניט, וואָס איז אונדז מחייב ערנסט זיך צו פאַרטראַכטן וועגן די ענינים וואָס באַאומרואיקן דעם יידישן מענטשן.

געוויס קען מען נישט אויסשעפּן אין איינעם אָדער צוויי ארטיקלען אַלע וויכטיקע פראַגן און פּראָבלעמען אין שייכות מיט דעם 100־יאָריקן יובל פון יידיש לעבן ביים פּאַסיפיק. פאַר דעם פאָדערט זיך אַ פּיל טיפערע און גרינדלעכע פאָרש אַרבעט. איך האָב בלויז באַרירט בעיקר די וויכטיקסטע מאָמענטן פון דעם אספּעקט — יידיש כלל לעבן אין קאַליפאָרניע במשך דעם פאַרענדיקטן יאָרהונדערט, כדי דער לייענער זאָל פאַר זיך, מער־ווייניקער, קענען זען אַ קלאָר בילד און אַן ערנסטן ארייבבליק, ניט נאָר אין אונדזער גלאָרייכן און ביטערן שטורעם און דראַנגיקן נעכטן; נייערט אויך זען דעם היינט אין אַ מער אָביעקטיווער פּערספּעקטיוו, כדי אויך צו פאַרשטיין אונדזער האָפנונגספולן ליכטיקן מאָרגן . . .

# מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון יידן אין קאַליפאָרניע

## פון יוד לאַמעד מאַלאַמוט

די ערשטע קאַפּיטלען פון קאַליפאָרניעס געשיכטע זיינען דורכגעמישט מיט בלוט און מאָרד, גנבה און גזלה. אויף דעם שטיצן זיך די מייסטע שרייבער פון אונדזער צייט. און ווען עס קומט זיי אויס צו שרייבן וועגן די ערשטע יידישע איינוואַנדערער אין קאַליפאָרניע, באַנוצן זיי דעם פּזמון:

„די ערשטע יידן זיינען געווען אַנגעלאָפענע, אַנטלאָפענע, גנבים, הפקר־לייט״, א. אַז. וו.

מיט די מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון יידן אין קאַליפאָרניע האָפן מיר צו באַווייזן ווי פאַלש עס זענען די אַלע, וועלכע האָבן אַזאַ מיינונג וועגן יידן.

איינער פון די ערשטע יידן, העריס ניומאַרק, דער פאָטער פון מאַרקאָ ר. ניומאַרק, וועלכער לעבט נאָך איצט, און שפּילט אַ באַדייטנדע ראָלע אין היגן געזעלשאַפטלעכן יידישן און אַלגעמיינעם לעבן, העריס ניומאַרק, האָט צוגעזען די אַנטוויקלונג פון קאַליפאָרניע פון אַכצן הונדערט דריי און פופציק ביז ניינצן הונדערט און זעכצן. העריס האָט פאַר די איצטיקע און קומענדיקע דורות איבערגעלאָזן אַ בוך „פינף און זעכציק יאָר אין קאַליפאָרניע״. פון העריסעס בוך און פון אַנדערע קוואַלן איז געקומען דער מאַטעריאַל צו דער געשיכטע פון יידן אין קאַליפאָרניע.

### זעקס יידן אין 1854

אין 1854, מיט הונדערט יאָר צוריק, האָבן זיך אין לאָס אַנגעלעס געפונען זעקס יידן. די ערשטע יידן וואָס זיינען דאָ געווען שוין אין 1850, זיינען געווען די ניומאַרקס. דער ערשטער, דזשאָזעף ניומאַרק, אַן עלטערער ברודער פון העריס ניומאַרק, איז געקומען פון לאָבו, מערב פּרוסיע. זיין פאָטער, פיליפּ, איז גע־קומען קיין אַמעריקע נאָך אין 1837, האָט זיך באַזעצט אין נויאָרק, נאָר ער האָט זיך ניט געקאָנט צופּאַסן צו קיין זאַך, איז ער צוריקגעפאָרן און איז שוין דאָרט פאַרבליבן. אין 1849 איז דזשאָזעף נוימאַרק אָפּגעפאָרן קיין ענגלאַנד און פון דאָרטן איז ער אינגיכן אַוועק קיין אמעריקע, וואו עס האָט זיך אין יענער צייט, דערמאַנט אין סאַן פראַנציסקאָ, איז דזשייקאָב רייך, אַ שותּף צו געפינען מיר אים שוין אין סאַן פראַנציסקאָ.

אַפּנים אַז קיין יידישע געמיינדע איז ביז יענער צייט אין קאַליפאָרניע נאָך ניט געווען, מחמת אין די דערמאָנטע מעמואַרן פון העריס ניומאַרק איז וועגן דעם מיט קיין איין וואָרט ניט דערמאָנט. דער איינציקער ייד וואָס ווערט אין יענער צייט, דערמאָנט אין סאַן פראַנציסקאָ איז דזשייקאָב רייך, אַ שותּף צו דזשאָזעף ניומאַרק.

ניומאַרק און רייך האָבן געהאַט אַ געשעפט אין לאָס אַנגעלעס. דאָס געשעפט האָט אויך געטאָן מסחר מיט סאַן פראַנציסקאָ, איז דזשאָזעף ניומאַרק געזעסן אין לאָס אַנגעלעס און זיין שותּף, רייך, איז געזעסן אין סאַן פראַנציסקאָ. ווען העריס ניומאַרק איז אין 1853 אָנגעקומען קיין סאַן פראַנציסקאָ, האָט אים זיין ברודערס שותּף באַגעגנט און אים אַרויסבאַגלייט קיין לאָס אַנגעלעס.

ניומארק און רייך האָבן געהאַט אַ שניט־קראָם און קליידער־געשעפט. און העריס האָט זיך ביי זיי געשטעלט ארבעטן פאַר דרייסיק דאלער אַ חודש. חוץ דעם האָבן זיי פאַר אים אויך געצאָלט פאַר דירה און עסן. דעם אייגענעם יאָר זיינען צוגעקומען די ברידער עליאש, און צו זיי זענען אַרויסגעקומען פון דזשאָרדזשיא צוויי געשוועסטער־קינדער, סאָלאָמאָן לאזארד און מאָריס קרע־מער. צו לאזארדן איז דערנאָך אַרויסגעקומען אַ ברודער אברהם לאזארד. דער שפּעטערדיקער דר. י. מ. לאזארד, וואָס אַ סך געדענקען נאָך היינט, איז געווען סאלאמאָן לאזארדס אַ זון.

מיט די דערמאָנטע זעקס יידן האָט זיך אָנגעהויבן דער יידישער ישוב ביי דעם פּאַסיפישן ברעג, און כדי צו קאָנען אָפּשאַצן דאָס וואָס מיר האָבן דאָ ביז איצט דערגרייכט, מוז מען קאָנען דעם אָנהויב, מוז מען וויסן ווער די יידן זענען געווען, וואָס זענען געווען זייערע אַספּיראַציעס, זייער לעבנס־אנשויאונג, און וואָס האָבן זיי איבערגעלאָזט פאַר די קומענדיקע דורות.

נאָך זיי זענען צוגעקומען דזשייקאָב דזשייקאבס, י. גרינבוים, מאָריץ מאָריס, הערמאן מאָריס, איזראעל פליישמאן, דזשייקאָב סיגעל, סעם מייער, לאָענשטיין, שלעזינגער, טשערווינסקי און נייטען טוך.

וועגן טוך'ן האָט העריס פאַרצייכנט אַ טשיקאַווע פּאַסירונג: טוך איז גע־קומען אַהער פון קליוולאנד. ער איז געווען אַן אלמן. דאָ האָט ער אַרויסגע־צויגן אין סאן גאבריעל, געעפנט אַ קראָם און חתונה געהאַט מיט אַן אינדיאַנערין.

העריס באַמערקט, אַז טוך האָט די אינדיאַנערין באַהאַנדלט זייער פיין, ווי זיינס גלייכן.

„אויף דער עלטער", דערציילט וויטער העריס, האָט ער זיי באַזוכט, האָט ער אינדרויסן איבער דער טיר, באַמערקט אַן אַלטע שילד, וואָס האָט זיך גע־לייענט: „די קראָם געהערט צו נייטען טוך, איצט דריי און זיבעציק יאָר אַלט".

אָבער ווי אַלט די שילד איז געווען האָט קיינער ניט געוואוסט . . .

די צווייטע זאַך וואָס העריס דערציילט וועגן דעם זעלבן נייטען טוך, איז נאָך אינטערעסאַנטער: אין אַ צייט אַרום, ווען טוך איז געשטאָרבן, זיינען צו דער אינדיאַנערין געקומען אייניקע יידן בעטן ביי איר אַ דערלויבעניש, אַז מען זאָל איר מאַן באַערדיקן אויף אַ יידישן בית עלמין. די אינדיאַנערן האָט צוגעשטימט.

מען דאַרף אָבער פון דעם פאַל מיט טוך'ן ניט דרינגען, אַז די יידן אין יענער צייט האָבן זיך געזוכט צו אַסימילירן. העריס האָט אין זיין בוך פאַרצייכנט אַלע מינדעסטע פּאַסירונגען פון יידישן לעבן אין יענער צייט און מען קען זען, אַז דאָס איז דער איינציקער פאַל וואָס איז אים געווען באַקאַנט.

## „היברו בענעוואָלענט"

אַ יאָר שפּעטער נאָך העריסעס אָנקומען אַהער, געפינט מען די ערשטע שפּורן פון יידישע אָרגאַניזאַציעס.

„די לאָס אנגעלעס היברו בענעוואָלענט אַסס'ן", איז געגרינדעט געוואָרן אין 1854. אַ דאַנק דעם וואָס אין יענעם יאָר איז אָנגעקומען אַהער העריסעס אַ פעטער, דזשאָזעף ניומארק, אַ שטרענג רעליגיעזער ייד, וועלכער האָט פריער געוואוינט אין נויאָרק. דזשאָזעף ניומארק (אָריגינעל איז דער נאָמען געווען ניימארק), איז געווען אין נויאָרק זינט 1824. פון נויאָרק האָט ער אַרויסגעצויגן

אין סאַמערסעט, קאָנעטיקוט. אין נויאָרק האָט דער זעלבער געגרינדעט די עלם סטריט שול, איינע פון די עלטסטע שולן אין אַמעריקע.

אין 1840 האָט דזשאָזעף ניומארק אַריבערגעצויגן קיין סט. לואיס, געוואוינט דאָרט פינף יאָר, דערנאָך איז ער ווידער צוריקגעקומען קיין נויאָרק, וואו ער האָט געגרינדעט די וואוסטער סטריט שול. דזשאָזעף ניומארק האָט געהאָט סמיכה אויף רבנות, נאָר ער האָט ניט געוואָלט אין אַמעריקע מאַכן אַ לעבן דערפון, איז ער געבליבן אַ סוחר. ווען ער איז אין 1854 געקומען קיין לאָס אנגעלעס און דאָ ניט געפונען קיין ברעקל יידיש אָרגאַניזירט לעבן, האָט ער זיך גענומען פאַר דער אַרבעט צו גרינדן אַ שול. לייענענדיק די געשיכטע פון דזשאָזעף ניומאַרק, קריגט מען דאָס געפיל, אַז זיין גאַנצער לעבנס־באַרוף איז געווען צו גרינדן און פאַרשפרייטן אַ נעץ פון שולן איבער דעם קאָנטינענט.

## דער ערשטער מנין

עס זענען אָבער אין יענעם יאָר (1854) דאָ נאָך ניט געווען גענוג יידן מיט וועמען צו גרינדן אַ שול, האָט ער לעת־עתה געגרינדעט די אויבנדערמאָנטע „סאָסייעטי", און די זיצונגען זענען די ערשטע צייט פאָרגעקומען טאַקע ביי אים אין הויז, יעדן זונטיק אָוונט. די אויפגאַבע פון דער „בענעוואָלענט" איז געווען איינצופּאַסן אויף קראַנקע און פרעמדע. אגב, איז דאָס ניט נאָר געווען די ערשטע יידישע וואוילטעטיקע קערפּערשאַפט, נאָר טאַקע די ערשטע אַלגעמיין פילאַנטראָפּישע.

די ניט־יידן האָבן נאָך קיין איינציקע אָרגאַניזאַציע דאָ ניט פאַרמאָגט.

דער פּרעזידענט פון דער „בענעוואָלענט" איז געווען דזשייקאָב רייך, וועלכער האָט זיך אויך אַריבערגעצויגן אַהער פון סאַן פראַנציסקאָ, און דער פריערדערמאָנטער דזשאָזעף ניומאַרק, האָט איינגעוויליקט צו זיין דער יידישער גייסטיקער פירער, אָבער מיט אַ תנאי, אַז מען זאָל אים ניט צאָלן קיין שכירות, און אַז מען זאָל נעמען זוכן אַ רב.

דעם איינציקן יאָר האָט די „בענעוואָלענט" געמאַכט אַ מנין אויף ימים נוראים. דער ערשטער מנין איז געווען אין דער דירה וואָס האָט געהערט צו דזשאָן טעמפּל. דער איינגענער טעמפּל וועמענס נאָמען עס טראָגט די טעמפּל־גאַס, וואָס האָט מיט אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק פאַרמאָגט מער יידן וויפיל מענטשן עס זענען געווען אין לאָס אנגעלעס אין 1854. אָבער אויך דאָס איז שוין געשיכטע. טעמפּל־גאַס איז היינט שוין אויסגעליידיקט פון יידן, עס איז געבליבן בלויז אַ נאָמען נאָך דעם קריסט וואָס האָט יידן געגעבן זיין הויז אין 1854 אָפּצוהאַלטן דעם ערשטן מנין אין די „הייליקע טעג" מיט הונדערט יאָר צוריק.

יענעם יאָר האָט דזשאָזעף ניומאַרק אויך געווירקט אויף עטלעכע יידן מען זאָל קויפן קרקע פאַר אַ יידישן בית־עלמין. דערנאָך האָט ער אויך דערפירט דערצו, מען זאָל אַרויסברענגען אַ רב.

וואָס עס איז שייך דער „בענעוואָלענט", האָט זי קיין ניט־יידן ניט אַריינגענומען פאַר מיטגלידער. אָבער צדקה איז פאַרטיילט געוואָרן אויך צווישן ניט־יידן. טאָמער האָט מען זיך דערוואוסט, אַז אַ קריסט איז פאַרשלאַפט געוואָרן, אָדער זיין פאַמיליע האָט זיך גענייטיקט אין שטיצע, איז ער געשטיצט געוואָרן מיט דער פולער האַנט בגלייך מיט יידישע נויטבאַדערפטיקע.

מענטשן שטעלן זיך פֿאַר, אַז אין יענער צייט האָבן דאָ אַלע געמאַכט מיליאָנען, אָבער אין דער אמתן איז ווייט ניט אַזוי. העריס ניומארק אַליין דערציילט וועגן זיך, אַז נאָכדעם ווי ער האָט אָפּגעאַרבעט שווער ביי זיין ברודער אַ גאַנץ יאָר צייט, און כאָטש ער האָט חוץ זיינע שכירות אויך געהאַט פריי דירה און עסן, האָט ער צונויפגענומען אַלע זיינע „קאַפּיטאַלן", וואָס האָבן באַטראָפֿן צוויי הונדערט און פופציק דאָלער און, נאָכדעם ווי זיין ברודער האָט פאַרקויפט זיין חלק פון געשעפט און זיך אַריבערגעצויגן קיין סאַן פראַנציסקאָ, האָט העריס געמוזט נעמען זיך עפּעס אַליין טאָן פאַר זיך אַליין. האָט ער מיט דעם „קאַפּיטאַל" זיך געעפנט אַ געשעפט. אין דעם געשעפט איז ער געשלאָפן, געאַרבעט פון אינדערפרי ביז אַכט אין אָוונט. צושליסן אין מיטן טאָג האָט ער ניט געקענט, איבערלאָזן און אַוועקגיין עסן איז אין יענער צייט געווען אַ געפֿאַר.

נאָך אַ יאָר שווערער אַרבעט פֿאַר זיך אַליין, האָט ער אויסגעפונען, אַז דאָס געשעפט איז ווערט מיט פופצן הונדערט דאָלער מער.

ווי איר זעט, האָט מען אויך שוין דאַן געאַרבעט זייער שווער, די ערשטע פֿאַר יאָר, און אויך צווישן יידן זענען געווען אַ סך וואָס האָבן זיך ניט געקימערט וואָס אַנדערע שווינדלען, שפּעקולירן, ראַבעווען און ווילן רייך ווערן איבער נאַכט. יידן זענען געקומען און האָבן אויף אַן ערלעכן וועג געזוכט זיך דורכצוברעכן אַ וועג, דורך שווייס און מי. זיי האָבן געגרינדעט די ערשטע צדקה קערפּערשאַפט, און אַזוי גיך ווי זיי האָבן אָרגאַניזירט אַ מנין, האָבן זיי גענומען פאַרהאַנדלען וועגן ברענגען אַ גייסטיקן פירער — אַ רב.

די ניומארקס זענען אין יענער צייט געווען פאַררעכנט ניט נאָר פֿאַר פייאיקע סוחרים, נאָר אויך פֿאַר ערווירדיקע בירגער. שוין אין 1855, ווען דזשאָזעף פּ. ניומארק איז געפֿאָרן קיין אייראָפּע, האָט ער אויסגעפירט אַ שליחות פֿאַר דער אמעריקאַנער רעגירונג. פּאַסירט האָט עס אַזוי:

קומענדיק פון אַמעריקע קיין לאָנדאָן, האָט ער באַזוכט דעם אַמעריקאַנער פאַרטרעטער אין סעינט דזשיימס קאָורט, דזשיימס ביוקענען. אגב, איז דאָס דער זעלבער ביוקענען, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן דער פרעזידענט פון די פֿאַראייניקטע שטאַטן.

ביוקענען האָט זיך באַנוצט מיט דזשאָזעף ניומארקן, און אים מיטגעגעבן געוויסע רעגירונגס פּאַפּירן צו דעם אַמעריקאַנער פאַרטרעטער אין דענמאַרק. מיר גיבן דאָ אַן איבערזעצונג פון דעם דאָקומענט וועלכער געפינט זיך אין העריס ניומאַרקס בוך אויף זייט 63:

„נומער 282.

„לעגאַציע פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע אין לאָנדאָן.

„צו וועמען דאָס איז שייך, גערוס!

„זיי עס באַקאַנט, אַז דער שליח, דזשאָזעף פּ. ניומארק, זעצט פֿאָר אַ רייזע קיין האַמבורג און דענמאַרק, און טראָגט מיט זיך דאָקומענטן פון דער דאָזיקער לעגאַציע אין לאָנדאָן, צו דער אַמעריקאַנער לעגאַציע אין קאָפּענהאַגן.

„דעריבער זענען אַלע אויפגעפאָדערט אים צו געבן שוץ און פריינטלעכקייט, צו וואָס עס איז באַרעכטיקט אַ בירגער און אַ שליח פון אַן אויסלענדישער מדינה.

„אַלס באַשטעטיקונג אויף דעם, צייכן איך, דזשיימס ביוקענען, דער אַמע־

ריקאַנער מיניסטער אין ענגלאַנד, מיט מיין האַנט, און לייג צו דעם חותם פון דער לעגאַציע, דעם 10טן טאָג אין יולי, 1855, און אין דעם אַכציקסטן יאָר פון דער אַמעריקאַנער זעלבסטשטענדיקייט.

(געצייכנט) דזשיימס ביוקענען".

(דאָ קומט דער זיגל פון דער לעגאַציע פון אמעריקע צו גרויס בריטאַניע).

## דער ערשטער רב

פינף יאָר שפּעטער, אין 1859, איז געקומען קיין קאַליפאָרניע דער ערשטער רב, אברהם וואָלף אידלמאַן. געבוירן אין וואַרשע, פוילן, אין 1832. קיין אַמע־ריקע איז ער געקומען אין 1851, איז פריער געווען רב אין נויאָרק, פּעטערסאָן און אין באַפאַלאָ. און פון 59טן ביזן 61טן יאָר איז ער געווען אין סאַן פראַנציסקאָ, פון וואַנען מען האָט אים אַרונטערגעבראַכט קיין לאָס אַנגעלעס, וואו ער איז איינגענומען געוואָרן אַלס רב ביי דער אָרטאָדאָקסישער געמיינדע „בני־ברית".

הרב אברהם וואָלף אידלמאַן איז געווען אַ גרויסער תלמודיסט, אַ שיינער רעדנער, אַן אמתער ירא ושלם. דעם בעסטן באַוויז דערויף האָבן מיר טאַקע אין דעם היסטאָרישן פאַקט, וואָס שפּעטער, ווען די רעפאָרם כוואַליע האָט זיך אויך דערטראָגן צו די אַמעריקאַנער ברעגן, און אויך די לאָס אַנגעלעסער יידן האָט זיך פאַרגלוסט נאָכצומאַכן די רעפאָרמער, האָט הרב אידלמאַן, צוליב זיינע איבערצייגונגען, זיך אָפּגעזאָגט פון דער כסא הרבנות. אָבער דאָס איז אַ שפּעטערדיקער ענין.

ווי מיר זעען, איז אין 1859, בלויז פינף יאָר נאָכדעם ווי יידן זענען צוגע־שוואומען צו דעם פּאַציפישן ברעג, האָט זיך שוין דאָ אָנגעהויבן וועבן און שפּינען אַ יידישער פאָדעם. פריער אַ „בענעוואָלענט", דערנאָך אַ מנין, באַלד נאָכדעם אַ „בני־ברית" געמיינדע, כאָטש יידן זענען דאָ נאָך געווען גאַנץ אָרים, מחמת קיין שול האָט מען נאָך ניט געקענט בויען, מען האָט געהאַלטן מנין אין דזשאָן טעמפּל'ס הויז, ביז עס איז אַרונטערגעבראַכט געוואָרן אַ רב. און אפילו ווען זיי האָבן שוין געהאַט דעם רב, האָבן זיי אויך גלייך ניט געבויט קיין שול. זיי האָבן געדונגען „סטערנס זאַל", דערנאָך „ארקאַדיא זאַל", און „לעקס זאַל", אויף מיין צווישן צווייטער און דריטער גאַס. ענדלעך דורך דער העפלעכקייט פון אַ שפּאַנישן ריכטער, איגנאַציוס סעפּולווידא, (אויך זיין נאָמען איז פאַר־אייביקט דורך אַ בולוואַרד), האָבן יידן באַקומען די דערלויבעניש צו דאַווענען ימים נוראים אין זיינע געריכט־צימערן.

## די ערשטע שול אין לאָס אַנגעלעס

צוואַנציק יאָר שפּעטער, ערשט אין 1837, האָבן דאָ יידן אויסגעבויט די ערשטע שול, אַ ציגל געביידע, אויף פאָרט סטריט (היינטיקע בראָדוויי), צווישן צווייטער און דריטער גאַס, וואו עס איז דערנאָך געשטאַנען די „קאָפּ געביידע", צווייטע טיר פון אַלטן „סיטי האָל".

אין 1886, ווען די היגע יידן האָבן איינגעפירט רעפאָרם „סוירוויסעס", האָט הרב אידלמאַן זיך אָפּגעזאָגט די „נאָכצוטאַנצן", און דערביי איז אינטע־רעסאַנט פאַר דער געשיכטע אַ דראַמאַטישער עפּיזאָד, ווי אַזוי הרב אידלמאַן האָט די געמיינדע־מיטגלידער באַשטראָפט נאָכדעם ווי ער האָט זיך דערוואוסט, אַז אין אַ געוויסן

אונגט האָבן זיי פאַררופן אַ זיצונג צו באַשליסן איבערצוגיין צו דעם רעפאָרם יידנטום.

הרב אידלמאַן איז ניט געווען געלאַדן צו דער זיצונג, אָבער ער איז געקומען ניט געבעטענערהייט און ער האָט געבעטן אַ וואָרט.

דער ווירדיקער רב האָט באַקומען דאָס וואָרט און ער האָט זיי דערקלערט:

„איר, מיינע ליבע יידן, גייט היינט אָננעמען אַ באַשלוס, אַז איר זאָגט זיך אָפּ פון דעם אָרטאָדאָקסישן שטייגער לעבן ביי יידן, זע איך דאָך אַז קיין זאַך וועט אייך ניט איבערצייגן, ווי ניט ריכטיק איר האַנדלט, דאָס איז אייער רעכט.

„אָבער וואָס עס איז שייך מיר אַליין, בין איך אייך געקומען זאָגן, אַז איך בין מיין גאַנצן לעבן געווען אַן אָרטאָדאָקסישער ייד און אַזעלכער האָף איך צו פאַרבלייבן כל זמן מיר איז באַשערט צו זיין אויף דער וועלט.

„בכן, דערלאַנג איך אייך דאָ מיין רעזיגנאַציע. איך וויל מער ניט בלייבן אייער רב. זוכט זיך אַן אַנדערן אויף מיין אָרט, און זאָל גאָט זיין מיט אייך!"

צום גליק האָט הרב אידלמאַן מצליח געווען אין אַ קניה, קויפנדיק אַ הויז אויף זעקסטע און מעין גאַס וואו עס שטייט דער טערמינאַל פון פאַסיפיק עלעקטריק). די דאָזיקע קניה האָט אים אַריינגעבראַכט געוווג, אַז ער האָט שוין דערנאָך געקענט זיצן על התורה ועל העבודה, געבנדיק מיט דער פרייער האַנט צדקה פאַר קהל׳שע אַנשטאַלטן, וויזנדיק דעם בעסטןביישפיל פאַר אַלע גבירים...

אין זיינע מעמואַרן וועגן דעם דאָזיקן אידעאַליסטישן רב, דערציילט הערים, אַז אין רב׳ס גייסטיקן לעבן האָט פּאַסירט אַ מאָדנער קאָ־אינצידענט: דעם ערשטן יידן, וועמען הרב אידלמאַן האָט געגעבן חופה וקידושין, איז געווען אַ ייד סעמועל פּרעגער, און דער לעצטער וועמען הרב אידלמאַן האָט מספיד געווען, איז געווען דער זעלבער סעמועל פרעגער.

הרב אידלמאַן איז נפטר געוואָרן אין 1907. אַ. מ. אידלמאַן, אַ באַוואוסטער אַרכיטעקט און דר. דוד וו. אידלמאַן, זענען געווען הרב וואָלף אידלמאַנס צוויי פּראָמינענטע זין, ביידע זיינען שוין געווען רעפאָרמער, אָבער זיין זון, דער דאָקטאָר, כאָטש אַ רעפאָרמער, איז אָבער אויך געווען אַ הייסער ציוניסט, געווען פּרעזידענט פון דעם זעלבן „בני־ברית" טעמפּל (היינט דער ווילשייר טעמפּל, וואו ראַביי עדגאַר פ. מאַגנין, איז דער גייסטיקער פירער שוין איבער פערציק יאָר.

## אַנטיסעמיטיזם מיט 90 יאָר צוריק

מיט ניינציק יאָר צוריק געפינט מען שפּורן פון אַנטיסעמיטיזם אין דער געשיכטע פון לאָס אַנגעלעס. דער מאָטיוו פאַר אַנטיסעמיטיזם איז, פאַרשטייט זיך, געווען אַ ריין עקאָנאָמישער. די ערשטע יידן האָבן זיך גענומען צו מסחר, בעת די ניט־יידן האָבן געזוכט רייך צו ווערן אויף כל־ערליי ריינע און אומריינע מעטאָדן. קוים האָט אָבער אַ ניט־ייד זיך גענומען צו מסחר, האָט ער אין דעם יידן געזען אַ געוואַלטיקן קאָנקורענט.

ווי די גאַנצע „וועסט", אַזוי איז אויך לאָס אַנגעלעס אין יענער צייט געווען אַ געזעצלאָזער געגנט. געהערשט האָט די ברוטאַלע קראַפט, דער שטאַרקער פויסט, דער רעוואָלווער און די ביקס.

האָט זיך טאַקע געפונען מער ווי איין קריסט, וואָס האָט געשאַרפט די ציין אויף די יידן וואָס האָבן „פאַרכאַפּט" קאַליפאָרניע.

איינמאָל, פרייטיק, דעם 18טן יוני, 1865, איז צו העריסן אין געשעפט אַריינ־געלאָפן אַ ייד, דוד סאַלאמאָן, און אין איינער שרעק האָט ער זיך פאַרטרויערט פאַר העריסן, אַז אויף דער שיף פון סאַן פראַנציסקא קיין לאָס אַנגעלעס, איז געפאָרן אַ קריסט, פּרודענס בודרי, און אַז ער האָט זיך באַרימט, אַז „ער וועט אַרויסטרייבן אַלע יידן פון לאָס אַנגעלעס, ווייל די יידן פאַרכאַפּן אַלע געשעפטן"....

העריס ניומארק האָט אויסגעהערט די גאַנצע געשיכטע, באַרואיקט דעם יידן, און העריס האָט גענומען טראַכטן, אַז בודרי מוז טאָן שלעכטע געשעפטן . . . ער האָט גלייך באַשלאָסן אויסצוקויפן ביי בודרין דאָס געשעפט.

און איידער בודרי האָט נאָך צייט געהאַט צו מאַכן זיינע פּלענער „אַרויס־צוטרייבן" יידן, איז זיין געשעפט איבערגעגאַנגען צו העריס ניומארק און איבער דעם געשעפט איז גאָר אינגיכן אויפגעהאנגען געוואָרן אַ שילד: „העריס ניומאַרק".

דאָס געשעפט האָט זיך גאָר אינגיכן צעבליט און פון בודריס קליין גע־שעפטל איז מיט דער צייט געוואָרן דאָס באַרימטע ריזיקע „האָלסייל גראָסערי" געשעפט פון העריס ניומארק און קאָמפּאַני.

פופציק יאָר שפּעטער, ווען דאָס העריס ניומארק געשעפט האָט געפייערט אַ פופציק־יאָריקן יובל, איז ביי דער יובל פייערונג איבערדערציילט געוואָרן מיט אַלע איינצלהייטן יענע פאַסירונג מיט דעם אַנטיסעמיט פּרודענס בודרי.

בודריס נאָמען איז איצט צעפאַלן געוואָרן אין שטויב. העריס ניומארק האָט איבערגעלאָזט אַן עשירות, אַ באַנד געשיכטע פאַר ווייטערדיקע דורות. דער נאָמען ניומארק איז עד היום אַ שם־דבר אין די היסטאָרישע געזעלשאַפטן און אין פאַרשיידענע צווייגן פון פינאַנץ און אינדוסטריע.

## דער ערשטער פרויען־פאַריין

עס זענען אין יענער צייט געווען ווינציק יידישע פרויען צוליב דער שווע־דער רייזע קיין קאַליפאָרניע, אָבער די ווינציק פרויען האָבן אויך פאַרשטאַנען, אַז אויך אויף זיי ליגט אַ חוב צו טאָן געזעלשאַפטלעכע אַרבעט. די גרינדערין פון פרויען פאַריין איז געווען ראָזא ניומארק, די פרוי פון דזשאָזעף ניומאַרק. די ערשטע פּרעזידענטין איז געווען די פרוי פון העריס ניומאַרק, קאַסירערין, פרוי דזשאַנס, סעקרעטאַרין, פרוי קאַץ, קאָלעקטאָרשע, פרוי בער. די פרויען האָבן אויך געהאַט אין דעם פאַריין דריי מענער, ראַטגעבער: העריס ניומאַרק, י. מ. העלמאַן און העגרי וואַטענבערג. די פרויען האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט צוזען קראַנקע, זענען געווען באַרמהאַרציקע שוועסטער, האָבן געזען אַז אַ קראַנקער און עלנטער זאָל ניט פאַרנאַכלעסיקט ווערן.

פאַרשטייט זיך, אַז פונקט ווי די יידישע טעטיקייט האָט זיך אויסגעדריקט אין אַרבעטן פאַר אַ שול, אַ בית־עלמין, א.ד.ג., אַזוי האָט די פרויען טעטיקייט אויך ווייטער ניט דערגרייכט. מענער האָבן געאַרבעט פאַר אַן אייגענעם בית־עלמין, האָבן די פרויען געזען, אַז דער בית־עלמין זאָל געהאַלטן ווערן אין דער בעסטער אָרדענונג, ריין, מיט גראָז און בלומען, ווי עס פאַסט און איז ווירדיק פאַר אַ „הייליק אָרט".

אין 1871, ווען די נייעס וועגן דעם גרויסען היסטאָרישן פייער אין שיקאַגאָ

האָט דערגרייכט אַהער, האָבן יעדע יידישע געזעלשאַפטן, די מענער ווי די פרויען אָרגאַניזאַציעס, געגומען שאַפן הילפס מיטלען פאַר די נשרפים. עס זענען פאַרצייכנט צוויי באַזונדערע סומען: צוויי הונדערט און פופציק דאלאר בייגעשטייערט פון דער „היברו בענעוואָלענט", און הונדערט דאלער בייגעטראָגן פון פרויען פאַריין. דאָס באַווייזט אַז שוין אין יענער צייט זענען יידן אין קאַליפאָרניע געווען גרייט צו קומען צו הילף זייערע ברידער און שוועסטער אין אַן עת־צרה.

עס איז שוין אויך אין יענער צייט געווען צווישן יידישע פרויען אַ שטרע־בונג צו בילדונג, און די ערשטע מיידל, גראַדואירט פון ל. א. היי־סקול, און וועלכע איז דערנאָך אויך געגאַנגען אין אוניווערסיטעט, איז געווען פעני בערנשטיין, די צווייטע — עלא ניומארק, די טאָכטער פון העריס ניומארק.

## ערשטע רעפאָרמער אין ל. א.

ביז 1894 האָבן נאָך די רעפאָרמער דאָ ניט געהאַט קיין אייגענעם טעמפל. ערשט אין דעם יאָר האָבן זיי אויפגעבויט דעם „בני־ברית טעמפל" אין דער צענטער און האָפּ, און אויף הרב אידלמאַנס אָרט האָבן זיי אַנגעשטעלט דר. עמנועל שרייבער. ער איז געווען זייער פירער צוויי יאָר, נאָך אים איז אָנ־געקומען רעווערענד א. בלום, פון גאַלוועסטאָן. פון 1895 ביז 1899 איז דער ראַביי געווען מ. ג. סאלאמאן. אונטער זיין אַדמיניסטראַציע, בעת הערמאן וו. העלמאַן איז געווען פרעזידענט, איז פאַרטיק געוואָרן זייער בני־ברית טעמפל.

אינטערעסאַנט איז אויך צו וויסן, אַז אין דער צייט פון דער ערד־ציטער־ניש אין סאן פראַנציסקאָ, האָט זיך מ. ה. ניומארק אויסגעצייכנט אין דער קאָ־מיסיע אַלס פאָרזיצער צו זאַמלען און ליפערן שפייז פאַר די קרבנות פון דער ערד־ציטערניש.

נאָך איינער וועלכער איז פאַרבליבן פאַראייביקט אין דער געשיכטע פון יידן אין לאָס אנגעלעס, איז קאַספּאַר קאָהען, אַ שותף פון העריס ניומארק. קאָהענס נאָמען איז פאַרבונדן מיט דער געשיכטע פון שפּיטאָלן אין לאָס אַנגעלעס.

קאַספּאַר קאָהען האָט זיך דערוואָרבן אַ גרויסן נאָמען ביי די פאַרמער. די פאַרמער פלעגן ביי אים קויפן סחורה און טוישן זייערע פּראָדוקטן. נאָכן פאַר־קויפן פלעגן זיי ביי אים איבערלאָזן זייער געלט פאַר וועלכע ער האָט זיי אַרויס־געגעבן ביכעלעך, האָבן זיי אָבער די ביכעלעך אויך אים אָפּגעגעבן צו האַלטן פאַר זיי. שפּעטער האָבן די פאַרמער קאַספּאַר קאָהענען געגעבן אַן עצה, אַז ער זאָל עפענען אַ באַנק געשעפט. זיי האָבן אַלע צוגעזאָגט צו האַנדלען מיט זיין באַנק.

די היינטיקע יוניאָן באַנק איז אַן אורשפּרונג פון דער קאַספּאַר קאָהען באַנק. דער היינטיקער פּרעזידענט און פאָרזיצער פון דירעקטאָרן־ראַט איז בען ר. מייער, אַן איידעם פון קאַספּאַר קאָהען.

פונקט אַזוי איז אויך וויכטיק צו וויסן, אַז קאַספּאַר קאָהען האָט נאָך דער אָרגאַניזירונג פון דער באַנק אין 1914, אויך איינגעזען אַז יידן בויטיקן זיך אין אַן אייגענעם שפּיטאָל. אַ סך געדענקען נאָך דעם קאַספּאַר קאָהען שפּיטאָל אויף וועהיטיער בולוואַרד. דער היינטיקער שפּיטאָל „די צעדערן פון לבנון", האָט פאַרנומען דעם אָרט פון דעם קאַספּאַר קאָהען שפּיטאָל.

# די יידישע פּרעסע אין לאָס אנגעלעס

## פון י. ש. נאַאומאָוו

אייגנטלעך האָט מען געדאַרפט דעם אַרטיקל אָנרופן: „די יידישע פּרעסע אין קאַליפאָרניע״, ווייל סאַן פראַנציסקא האָט אין דעם אויך אַ חלק. דעם גרעסטן חלק פאַרנעמט אָבער פּאָרט לאָס אנדזשעלעס. אגב זיינען די צייטונגען, וועלכע זיינען געדרוקט געוואָרן אין סאַן פראַנציסקא, אַרויסגעגעבן געוואָרן מיט אַן אויג געווענדעט מערסטן צו דער יידישער לאָס אנדזשעלעס. ווען סאַן פראַנציסקא האָט נאָך געהאַט מער יידן ווי לאָס אנדזשעלעס, זיינען אָבער די יידן פון לאָס אנדזשעלעס געווען מער יידיש ווי די יידן אין סאַן פראַנציסקא.

סאַן פראַנציסקא האָט געהאַט איינגעזעסענע רייכע יהודים, וועלכע האָבן מיט יידישע צייטונגען נישט געהאַט קיין שייכות, און זיי האָבן זיך באַנוגנט מערסטנס מיט „טשאַריטי פּאַר טהעיר פּור ברעטהרען״ און זייער גאַנצער שייכות מיט איסט־אייראָפּעאישע יידן האָט געטראָגן דעם כאַראַקטער פון געבן הילף צו די אָרעמע קאָ־רעליגיאָניסטן. און כאָטש סאַן פראַנציסקא האָט שוין ביי היינטיקן טאָג אַ סך באַוואוסטזיניקע יידן, ליגט אָבער נאָך איצט אויף דער יידישער סאַן פראַנציסקא אַן אַסימילטאָרישער־שווערער חותם פון יענע אָפּגעפּרעמדטע דייטשישע יאהודים, וואָס זייער וועלט־אנשויאונג איז געווען אַסימילאַציע אָדער ווי די מאָדערנע יידן פון דעם מין רופן עס אָן ביי היינטיקן טאָג מיטן נאָמען — אינטעגראַציע.

און דאָך, ווען דר. וואָרטסמאַן איז אין 1912 געקומען אין לאָס אנדזשעלעס און האָט זיך באַקענט מיט די ביידע שטעט, האָט ער דאַן באשלאָסן אַרויסצוגעבן דאָס ערשטע יידישע וואָכנבלאַט אין סאַן פראַנציסקא. דר. וואָרטסמאַן האָט גוט געוואוסט, אַז די גרעסטע שטיצע פאַר דער צייטונג וועט סוף־כל־סוף דאָך קומען פון לאָס אנדזשעלעס, סיי אין דער צאָל פון אַבאָנענטן און סיי אין ממשותדיקער פינאַנציעלער הילף. ער האָט אויך געוואוסט, אַז אין לאס אנדזשעלעס האָבן זיך אויך געפונען די נויטיקע מיטאַרבעטער. אין לאָס אַנדזשעלעס האָבן זיך שוין דאַן געפונען יידן, וועלכע האָבן געקענט האַלטן אַ פען אין האַנט. דאָ האָבן זיך געפונען דוד גיסנעט, נח מישקאָווסקי, יעקב גינזבורג, דר. ל. בלעס, פּ. ריסקין, איך אַליין און נאָך אַנדערע. אגב מוז דאָ דערמאָנט ווערן, אַז עס איז געווען נח מישקאָווסקי, וועלכער האָט וואָרטסמאַנען אָנגערעדט צו קומען אַהער. וואָרטסמאַן איז אָבער אַהער געקומען מיט גאָר ווייניק געלט. יעדער סענט איז ביי אים געווען אַ געציילטער. מער פון אַלץ האָט ער געהאַט צייטונגס־דערפאַרנקייט, אויסדויער, עקשנות און אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד צו אָנגעשטרענגטער שווערער אַרבעט.

זאָל דאָ געזאָגט ווערן, אַז כאָטש אַ סך פון יענע יידן האָבן געשטרעבט צו אַנטוויקלען די יידישע קולטור אין דער זוניקער קאַליפאָרניע, האָבן זיי דאָך דערוואַרט אַז פאַר זייער פען־אַרבעט זאָלן זיי באקומען גרויסע האָנאָראַרן. וואָרטסמאַן האָט געוויסע פאָדערונגען נישט געקענט נאָכקומען און אַ סך קאָנטראַקטן זיינען צעריסן געוואָרן נאָך איידער די צייטונג איז דערשינען. דר. וואָרטסמאַן האָט דאָ געזוכט צו פאַרקויפן שערס, אָבער צוליב דער קליינזלדי־

קער צעריסנקייט פון יענער צייט זיינען די רעזולטאַטן געווען מיזעראַבעלע. וואַרטסמאַן האָט מיט אַן אויג אויף דעם גאַנצן יידישע פּאַסיפישן ברעג גע־דענקט, אַז סאַן פראַנציסקאָ איז יענער פונקט וואָס וועט פאַרבינדן דעם דרום מיטן צפון פון דעם פּאַסיפישן ים־פּאַס.

אָנפאַנג יאָר 1913 איז דערשינען אין סאַן פראַנציסקאָ דער ערשטער נומער יידיש וואָכנבלאַט אונטערן נאָמען „די קאַליפאָרניער יידישע שטימע". די ערשטע נומערן זיינען געווען אין גאָר קליינעם פאָרמאַט, 12 ביי 9. דערפאַר זיינען די ערשטע נומערן געווען גאָר געלונגענע, ווייל אין זיי האָבן, אויסער היגע שריי־בערס, זיך אויך באַטייליקט יצחק אייזיק בן אריה צבי הלוי, דר. פּאַרענבערג און אַנדערע באַוואוסטע שרייבער. ווען דער ערשטער נומער איז אָנגעקומען אין לאָס אנדזשעלעס, האָבן אַ סך פון זיינע פריערדיקע פריינט און שפּעטער־דיקע שונאים עס פאַרשריען אַלס פאַרזעעניש. דער געשריי איז געווען, אַז עס איז די גרויס ווי אַ תחינה, אַז עס איז נישט גענוג סאָציאַליסטיש, אַז עס איז צופיל ציוניסטיש, אַז עס איז דאָס און עפּעס אנדערש, און עס טויג בכלל נישט. מען האָט עס אויך געמאָסטן מיט די יידישע וואָכנבלעטער פון ניו יאָרק — נישט רעכענענדיק זיך מיט די אָרטיקע באַדינגונגען. זאָל דאָ געזאָגט ווערן, אַז צווישן די יידישע קולטור־טוער דאָ אין שטאָט, כאָטש די צאָל איז געווען נישט צו גרויס, האָבן זיך געפונען ציוניסטן, פּועלי־ציון, סאָציאַליסטן־טערי־טאָריאַליסטן, אנאַרכיסטן, בונדיסטן און, זאָל עס נישט קלינגען ווי אַ שפּאַס, אויך וועגעטעריאַנער. יעדער האָט געוואָלט אַז די צייטונג זאָל אויסדריקן זיין פּלאַטפאָרמע. פאַרשטייט זיך, יעדערער האָט געזוכט דאָס, וואָס ער האָט נישט געקענט געפינען און נישט געדאַרפט געפינען.

וואַרטסמאַן איז אידעאָלאָגיש געווען אַ דעמאָקראַטישער ציוניסט. ער איז געווען איינער פון די גרינדער פון דער דעמאָקראַטישער פראַקציע, וואָס האָט זיך געגרינדעט ביי דעם ציוניסטישן קאָנגרעס. ער איז געווען אַן אָנהענגער און שטאַרקער פאַרטיידיקער פון טרייד־יוניאָניזם. אַלס צייטונגס־מענטש האָט ער געוואוסט, אַז אַ שטרענג פּאַרטייאישע צייטונג האָט דאָ נאָך קיין שאַנסן. ער האָט געוואָלט אַ גוטע יידישע צייטונג, וואו אַלע ריכטונגען זאָלן קענען אַרויסזאָגן זייערע מיינונגען אויף אַ ריין ערנהאַפטן אופן. ער האָט געזוכט צו דערמוטיקן נייע טאַלאַנטן, פון וואָס פאַר א ריכטונג זיי זאָלן נישט קומען. יעדער יידישער פאַרטיימאַן אין יענער צייט האָט געוואָלט האָבן אָדער גאָר אָדער גאָרנישט, און זיי האָבן דאָס אויסגעפּירט. וואַרטסמאַנס אַפילו האָבן נישט געהאָלפן, זיי האָבן זיך אָנגעשלאָגן אָן אַ טויבער וואַנט. ניט אַכטנדיק איז די צייטונג אַרויסגעגאַנגען אומאונטערבראָכן פאַר גאַנצע צוויי יאָר. זי האָט שוין געזאָלט פאַרוואַנדלט ווערן, מיט דער הילף פון אייניקע יחידים, אין אַ טעג־לעכער צייטונג. די מלחמה האָט אָבער אויסגעבראָכן אין 1914 און גרויסע שוועריקייטן זיינען אַנטשטאַנען און די „ק. א. ש." האָט אויפגעהערט צו דערשיינען.

איך האָב זיך הויפּטזעכלעך אָפּגעשטעלט לענגער אויף דער ערשטער צייטונג, ווייל דאָס איז געווען דער ערשטער און שווערסטער טראָט אויפן יידישן צייטונגס־וועזן אין קאַליפאָרניע, און כל התחלות קשות.

* * *

אין די צוויי יאָר וואָס די צייטונג האָט עקזיסטירט האָט זיך דאָך אַ גרע־סערע צאָל יידן געווען אינטערעסירן מיט דער צייטונג, און ניט אַכטנדיק וואָס די צייטונג האָט אויסגעהויכט איר נשמה פון צופיל פּאַקן און מאָזלען, האָט עס אָבער געשאַפן אַ וועג און א מעגלעכקייט פאַר צייטונג־אויסגאבן ביי אונדז אין שטאָט. איינער פון וואָרטסמאַנס גרעסטע טעותן איז געווען דאָס, וואָס ער האָט אַנגעפאַנגען ארויסצוגעבן זיין צייטונג אין סאַן פראַנציסקאָ. לאָס אַנדזשעלעס האָט געוואַקסן וואָקסן ווי אויף הייון, און זי האָט ווייט איבערגע־יאָגט די יידישע באַפעלקערונג פון סאַן פראַנציסקאָ, און דער עלעמענט איז געווען אַ מער יידישער ווי דאָרטן.

אין יענער צייט האָבן זיך דאָ געפונען ב. קאַהן און ס. ראַסקין. זיי זיינען געווען יידישע סאָציאַליסטן. צוציענדיק אַנדערע צו זיך האָבן זיי אַרויסגע־געבן אַ וואָכנבלאַט, „דער פּראָגרעס". דער רעדאַקטאָר איז געווען דער דיכ־טער מ. ח. לונער. זיין אידעאָלאָגיע איז געווען אַ בונדיסטישע. ער איז אָבער געווען אַ הייסער נאַציאָנאַליסט, און כאָטש אונדזערע אידעאָלאָגיעס זיינען געווען פאַרשיידן, האָבן מיר זיך דאָך ביידע גוט איינגעלעבט. און כאָטש די צייטונג האָט געטראָגן אַ סאָציאַליסטישן חותם, איז מיר דערלויבט געוואָרן צו שרייבן וואָס און ווי איך האָב געוואָלט. צוליב לונערס שוואַכן געזונט און דוחק אין פינאַנצן, האָט „דער פּראָגרעס" נישט מוציא שנתו געווען. אין 1918 האָבן אַב. ראַבינאָוויטש צוזאַמען מיט ראַסקינען דאָ געגרינדעט „די צייט". זיי האָבן צוגעצויגן דר. לעאָ בלעס, ב. קאַהן, אהרן און חיים שאפּירא. זי האָט אָבער לאַנג נישט געלעבט. עס זיינען פאַרגעקומען סכסוכים און רייבונגען צוליבן סאַנאַטאָריום. דער ארויסגעבער איז געווען פאַרעקשנט. מען האָט געזוכט אהער צו ברענגען וואָרטסמאַנען. ער האָט זיך אָבער נישט געקענט צונויפריידן מיט די ארויסגעבער און אַביסל שפּעטער נאָך זיין קומען אהער האָט ער צוריק אויפגעלעבט „די קאַליפאָרניע יידישע שטימע". ער האָט צוגעצויגן דעם דרו־קער ל. זעלענקין און ה. שמערלערן אַלס זיין געהילפס־רעדאַקטאָר. דער ערשטער נומער איז דערשינען אין מאַי, 1924.

נאָך אַ געוויסער צייט און דורך וואָרטסמאַנס ענערגישער אַרבעט איז די „קאַליפאָרניע יידישע שטימע" געוואַקסן, אָבער ווי אַלעמאָל זיינען דאָ אין דעם יידישן צייטונגס־וועזן מער „מבינים" און מער עצה־געבער ווי אבאָנענטן. וואָרטסמאַן האָט זיך אַביסל אויסגעמאַטערט. ער איז געווען קעמפעריש און האָט נישט געשאָנעוועט קיינעם. ער האָט זיך געמאַכט אַ סך שונאים. די היגע שרייבער האָבן פון דער צייטונג דערוואַרט מאַטעריעלע בענעפיטן און אַ וואָכנבלאַט אין דער פּראָווינץ, צו יענער צייט, האָט ער נישט געקענט דער־ווייזן. די צייטונג איז אין אַ פּאָר יאָר שפּעטער פאַרקויפט געוואָרן צו י. גאַרין, וועלכער האָט זי פאַרוואַנדלט אין אַ טאָג־צייטונג. דער ערשטער נומער איז ארויס דעם 11טן דעצעמבער, 1927, און איז דערשינען אין אַ טאַבלאָיד־פאָרמאַט, אונטער דער רעדאַקציע פון א. וואָהלינער (לאַנדאו).

די צייטונג איז געווען אַ וויכטיקע געשעעניש. עס האָבן זיך אָבער ווידער־

אַמאָל געפונען מער מבינים איידער לייענער. יעדע גרופּע האָט געוואָלט אַז די צייטונג זאָל בלויז איר רעפּרעזענטירן. מיר דוכט זיך, אַז דער לעצטער נומער פון דער טאָג־צייטונג איז אַרויס דעם 27טן יאַנואַר, 1928. די צייטונג איז צוריק געוואָרן אַ וועכנטלעכע אויסגאַבע, און ס'האָבן איר געניאַנטשעט פאַרשיידענע רעדאַקטאָרן, ביז זי איז איבערגענומען געוואָרן פון א. באַביטש און ל. זעלענקאַ, דעם 14טן אויגוסט, 1931. זי איז אַרויס אין טאַבלאָיד־פאָרמאַט און האָט געגומען קריגן אַ פּנים. שפּעטער זיינען צוגעשטאַנען ס. גאַך און ל. האָדעס. די צייטונג האָט געהאַט יידישע און ענגלישע אָפּטיילונגען. אַ געוויסע צייט איז אויך געווען פאַרבונדן מיט דער צייטונג ש. עפּשטיין. שפּעטער איז די צייטונג אַריבער אינגאַנצן אונטערן רשות פון ס. גאַך. די צייטונג האָט גע־האַט אַלס אירע רעדאַקטאָרן דעם געלערנטן דר. ש. מ. מלמד, מ. ראַטענשטיין, ה. רויזענבלאַט. די צייטונג איז שוין לאַנג אינגאַנצן אַן ענגלישע.

אין די 20־קער יאָרן האָט זיך דאָ געגרינדעט „די פּאַסיפישע פאָלקס־צייטונג" פון דער פּאַסיפישער קאָאָפּעראַטיווער פּרעס. דער רעדאַקטאָר איז געווען דער סאָציאַליסט יעקב גינזבורג. מיר דאַכט אַז זי איז געווען רעדאַק־טירט פון אַ קאָלעגיום, צווישן וועלכע עס האָט זיך באַטייליקט י. פרידלאַנד. פאַראינטערעסירט אין דער צייטונג זיינען געווען פּיטער קאָהן, י. לעוויט, דר. ה. לעוויטאַן, חיים שאַפּירא, ל. האָפמאַן, מייערס, סעם טאַק, י. הערמאַן, ה. יאַפע. די צייטונג איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אויף אַ קאָאָפּעראַטיוון אופן. זי האָט אָבער נישט מאריך ימים געווען. דער רעדאַקטאָר האָט נישט געקראָגן קיין שכירות, און זי האָט זיך געמוזט צומאַכן.

* * *

צווישן די אַלע צייטונגען און זשורנאַל־שפּראָצונגען זיינען דאָ געווען גאָר פיל וואָס האָבן געהאַט דעם שיקזאַל פון דעם „קיקיון דיונה", יונהס ריצנבוים. זיי האָבן גאָן מזל — אויפגעשפּראָצט און מיטן שפּראָץ אויף מאָרגן פאַרשוואונדן. דעם דערמאָנטן שיקזאַל האָט געהאַט דער חודשלעכער זשורנאַל „מערב", וואָס איז דערשינען אין פעברואַר, 1925, רעדאַקטירט פון יצחק הורוויץ, און מער ווי איין נומער איז ניט דערשינען. אין דעם זעלביקן יאָר האָט זיך געגרינדעט דער זשורנאַל „זונלאַנד". ס'האָט געזאָלט זיין אַ פאָרזעצונג פון „מערב". די רעדאַקטאָרן זיינען געווען: י. ל. מאַלאַמוט, י. קוצענאָגי און י. פרידלאַנד. עס איז, דוכט מיר, אַרויס אַ 6־7 העפטן אין צוגאָב צו אַ פּאָר קינדער־ביכלעך. אַזוי זיינען אויך מער נישט דערשינען ווי עטלעכע נומערן פונם 'קרומען שפּיגל", אַ הומאָריסטיש בלאַט, רעדאַקטירט פון י. ל. מאַלאַמוט, אינם יאָר 1929. אין יענער צייט איז אויך דערשינען אַ חודש־זשורנאַל אונטערן נאָמען „ליד", אונטער דער רעדאַקציע פון יחזקאל א. מ. בראַנשטיין, וועלכער האָט אויך ניט לאַנג געלעבט. אַזוי דאַכט זיך מיר איז אינם יאָר 1929 אויך דערשינען דער פערטל־יערלעכער זשורנאַל „פּאַסיפיק", רעדאַקטירט פון ה. רויזענבלאַט, שין מילער און ה. גאָלד. מער ווי 4 נומערן זיינען פון דעם זשורנאַל נישט דער־שינען. אַזוי איז אויך דערשינען אַ וועכנטלעכע צייטונג, וואָס האָט געהייסן: „ל. א. יידישער בולעטין", אַרויסגעגעבן פון דער פּאַסיפיק קאָאָפּעראַטיווער

פּרעס, רעדאַקטירט פון י. ל. מאַלאַמוט. די ערשטע נומערן זיינען געווען אין אַ „תחינה"־פאָרמאַט, ביז ער איז דערוואַקסן צו אַ דריי־פּערטל צייטונג־פאָרמאַט. דער ערשטער נומער איז דערשינען אין יולי, 1937, און האָט אויך לאַנג נישט געלעבט. די אויסגעוואַקסענע נומערן זיינען מער ווי צוויי נישט געווען.

עס זיינען אויך דערשינען 3 חודש'לעכע נומערן פון אַ זשורנאַל „האַלי־וואוד", געווידמעט דער פילם אינדוסטריע, רעדאַקטירט פון י. ל. מאַלאַמוט.

אין סעפּטעמבער, 1934, איז דאָ דערשינען אַ פּאָליטישע שריפט אונטערן נאָמען „דער עפּיק", „ענד פּאָווערטי אין קאַליפאָרניע" (צום גונסטן פון אַפּטאָן סינקלער). דער רעדאַקטאָר איז געווען חיים דויטש. מער פון איין נומער איז נישט דערשינען. אין נאָוועמבער, 1935, איז דערשינען אַ חודשלעכע אויסגאַבע „דער וועגעטאַריאַנישער געדאַנק", אונטער דער רעדאַקציע פון גאָלדבלום און דר. וו. אָסטראָווסקי. מער ווי פיר נומערן זיינען ניט דערשינען. אין דעם יאָר 1920, אין חודש אַפּריל, איז דערשינען אַ מאָנאַטשריפט „יידישע פאָלקס־שול", רעדאַקטירט פון א. טאַניס און וו. אָסטראָווסקי אַלס פאַרוואַלטער. אינ־גאַנצן זיינען דערשינען צוויי נומערן. אין יוני, 1932, איז דערשינען דער זשורנאַל „פאָלקס־שריפט", רעדאַקטאָר־ארויסגעבער: יצחק בלום, זשורנאַל פאַר ליטעראַטור און לעבן. בסך־הכל צוויי נומערן, יוני און אָקטאָבער.

אין 1940 איז ארויסגעגאַנגען דער „לאָס אנדזשעלעסער קהילה־בולעטין". אינגאַנצן זיינען דערשינען זיבן נומערן. ס'איז געווען אַ וועכנטלעכע אויסגאַבע, אַרויסגעגעבן פון אַ פּאָבלישער קאָמיטעט. דער נאָמען פון רעדאַקטאָר ווערט נישט אָנגעגעבן. „אונדזער וואָרט", חודש־זשורנאַל, אַרויסגעגעבן פון לאָס אנדזשעלעסער קולטור־קלוב, רעדאַקטירט פון ה. רויזענבלאַט, י. פרידלאנד און ה. גאָלדאָווסקי. בסך־הכל זיינען דערשינען פיר נומערן פון מערץ ביז יוני, 1939. פאַר דער צייט זיינען דערשינען, וואָס ווערט אָנגערופן אין ענגליש, „מאָשרום"־(שוואָמען)־אויסגאַבן, וועלכע האָבן זיך באַוויזן און זיינען גיך פאַר־וועלקט געוואָרן אָן אַ זכר און אָן אַ סליאַד. אָט געדענק איך אַ שטייגער אַ שריפט, וואָס איז דערשינען אין די יאָרן 1913־14, וואָס נח מישקאָווסקי האָט רעדאַקטירט, און קען זיך בשום אופן ניט דערמאָנען דעם נאָמען פון דער צייטונג. אַזוי זיינען געווען פיל אַנדערע, וואָס זיינען געקומען און פאַרגאַנגען אָן וועלכער עס איז ווירקונג.

פאַר די לעצטע צוואַנציק יאָר איז דאָ אַרויס אַ מאָנאַטלעכער זשורנאַל אונטערן נאָמען „דער יידישער ביזנעסמאַן", אָפיציעלער זשורנאַל פון די פאַר־אייניקטע יידישע גראָסערס. דער זשורנאַל איז געגרינדעט געוואָרן אין 1925 מיט אָפּטיילונגען אין יידיש און ענגליש. דער ערשטער רעדאַקטאָר און פאַר־וואַלטער איז געווען הערמאַן ע. ראַבינס. דערנאָך רעדאַקטירט פון ב. ל. געראָן, וועלכער איז אויך געווען דער פאַרוואַלטער. די מיטאַרבעטער זיינען געווען די אייגענע גראָסערס, און פון צייט צו צייט האָט ער געדרוקט עסייען, ליטע־ראַטור און לידער פון זייטיקע שרייבער. דער זשורנאַל האָט געהאַט פאַרגרע־סערטע יום־טוב נומערן. ס'ווילט זיך מיר דאָ אויך באַריכטן וועגן אַ וואָכנ־בלאַט, וואָס איז אייגנטלעך דערשינען אין סאַן פראַנציסקאָ איינם זומער פון

1930. דער רעדאַקטאָר איז געווען בען אויגוסט. עס איז אַרויס אין גאַר אַ גרויסן צייטונגס־פֿאָרמאַט מיט אַן ענגלישער אָפּטיילונג. איך דערמאָן עס דאָ, ווייל פּונקט ווי די ערשטע „קאַליפֿאָרניער יידישע שטימע", האָט די וואָכנ־שריפֿט געהאַט אַן אויסקוק אויף לאָס אַנדזשעלעס. זי האָט געהייסן: „אידישע פּרעסע", און האָט געלעבט פֿון מאַי ביז אויגוסט, דעם זעלבן יאָר.

דעם 22טן פֿעברואַר, 1934, איז דאָ דערשינען אַ טאָג־צייטונג אונטער דער רעדאַקציע פֿון ל. בלאַנק. זי איז דערשינען איז אַ טאַבלאָיד־פֿאָרמאַט, און נאָכן נומער 9 איז זי פֿארוואַנדלט געוואָרן אין אַ צייטונגס־פֿאָרמאַט. אינגאַנצן זיינען פֿון דער צייטונג ארויס 60 נומערן. אין מאַי, 1934, איז זי אונטערגעגאַנגען. אין אַפּריל, 1934, איז דאָ דערשינען די יידישע וועכנטלעכע צייטונג „די יידישע פּרעסע", רעדאַקטירט פֿון ל. בלאַנק. זי האָט זיך געהאַלטן ביז פֿעברואַר, 1936. צוליב פֿינאַנציעלע שוועריקייטן און אַ קראַנקהאַפֿטן צושטאַנד האָט זיך דאָס וואָכנבלאַט משנה השם געווען אויף „פֿאָלקס־צייטונג". די צייטונג האָט געזאָלט זיין אומפּאַרטייאיש, זי האָט אָבער געטראָגן אַ קאָמוניסטישן קאָלאָריט. אין נאָוועמבער, 1936, איז זי אונטערגעגאַנגען. אין די יאָרן 1941־42־43 איז דאָ דערשינען אַ פּעריאָדישער קינדער־זשורנאַל אונטערן נאָמען „קולנו" (אונדזער קול). דער זשורנאַל איז געווען אַ דריי־שפּראַכיקער — יידיש, העברעאיש און ענגליש. מערסטנס פֿלעגט דער זשורנאַל ארויסקומען ארום די יידישע ימים־טובים, העקטאָגראַפֿירט. דער רעדאַקטאָר איז געווען רבי בערנארד קאָהען, מיט דער מיטווירקונג פֿון די יידישע שולן־לערער און איז געווען אונטערן רשות פֿון דער יידישער דערציאונגס־ביורא. דער מאַטעריאַל פֿאַר דער אויס־גאַבע האָבן צוגעשטעלט די קינדער אַליין.

צום סוף וויל איך בעטן דעם לייענער, אַז ער זאָל מיר מוחל זיין אויב איך האָב דאָ און דאָרט נישט באַצייכנט די אויסגאַבן אין כראָנאָלאָגישער אָרדענונג. אויב איך האָב אויסגעלאָזן געוויסע נעמען, וועלכע האָבן געדאַרפֿט דערמאָנט ווערן, האָב איך עס נישט געטאָן אַבזיכטלעך. עס איז בכלל אומ־מעגלעך אויסצורעכענען אַלע נעמען, וועלכע האָבן זיך גע׳קהל׳ט אַרום די אויס־גאַבן, און ווען מען וואָלט זיי אפֿילו געהאַט, וואָלט עס מער נישט געהייסן ווי עליות, און דער פּלאַץ פֿאַר דעם איז באַשרענקט.

זאָל מיר דאָ אויך דערלויבט ווערן אויסצודריקן מיין דאַנק צו הרב דר. שלמה מיכאל נעכעס, ז״ל פֿון דעם „וועסטערן דזשואיש אינסטיטוט", פֿאַר דעם גרעסטן טייל פֿון די מאַטעריאַלן וואָס איך האָב דאָ פֿאַרצייכנט. רבי נעכעס האָט אַ גרויסע קאָלעקציע פֿון וואָס עס ווערט אָנגערופֿן „דזשואיש־קאַליפֿאָרניאַ".

---

כדי צו דערגענצן די רשימה פֿון די דערשינענע צייטשריפֿטן אין ל. א. ווילן מיר דאָ מוסיף זיין, אַז „קאַליפֿאָרניע יידיש לעבן", אַ חודש־שריפֿט פֿאַר ליטעראַטור און כלל־ענינים, רעדאַקטאָר יחזקאל א. מ. בראַנשטיין, מיט דער נאָענטער מיטאַרבעטערשאַפֿט פֿון י. פֿרידלאַנד, איז דערשינען אין יאָר 1951. בלויז 4 נומערן.

רעדאַקציע.

# צו דער געשיכטע פון יידישן חינוך אין לאָס אַנגעלעס*)

פון י. צורף

(1937—1850)

די לאָס אנגעלעסער יידישע קהילה איז איינע פון די איינגסטע קהילות אין די פאַראייניקטע שטאַטן. יידן האָבן זיך דאָ באַזעצט אין אָנהייב פון דער צווייטער העלפט פונם 19טן יאָרהונדערט. אָבער אין די ערשטע יאָרן פון זיין עקזיסטענץ איז דער נייער ישוב געלעגן איזאָלירט אין דער וויסטעניש פון דרום קאַליפאָרניע. די יידישע אימיגראַציע פון דייטשלאַנד און אויך שפּע־טער די גרויסע מאַסן־אימיגראַציע פון דער רוסישער אימפּעריע האָבן ווייניק וואָס באַרירט דעם נייעם יידישן ישוב אין דער ווייטער לאָס אנגעלעס. ערשט אין די ערשטע צוואַנציק יאָר פון איצטיקן יאָרהונדערט האָט די שטאָט אַנגע־הייבן צוצוציען גרעסערע יידישע מאַסן.

אין משך פון די ערשטע פופציק יאָר פון זיין עקזיסטענץ איז דעריבער געבליבן דער יידישער ישוב אין לאָס אנגעלעס קליין און פאַרגליווערט, און כמעט אָן דירעקטער באַרירונג מיט די אנדערע יידישע קהילות איבערן לאַנד. און דאָך האָט דאָס קליין הייפעלע יידישע פּיאָנערן אין לאָס אנגעלעס אָפּגעהיט זיין יידישן כאַראַקטער. די ערשטע איינוואוינער האָבן גלייך ביי זייער אָנקומען דאָ אין שטאָט געגרינדעט אייניקע יידישע געזעלשאַפטלעכע און רעליגיעזע אינסטיטוציעס, וועלכע עקזיסטירן נאָך דאָ ביז היינט צו טאָג.

איינע פון די ערשטע אינסטיטוציעס איז געווען די יידישע שול. מיר ווייסן, אַז אַ קליינע רעליגיעזע לערן־אינסטיטוציע האָט זיך דאָ געגרינדעט כמעט ביים סאַמע אָנהייב פונם יידישן ישוב. מיט דער צייט, ווען די קהילה האָט זיך פאַרגרעסערט, האָבן זיך די שולן אויך פאַרמערט, און מיט דער איינביר־גערונג פון די פאַרשידענע יידישע עלעמענטן דאָ אין שטאָט, האָבן אויך אָנגעהויבן שלאָגן וואָרצלען אַלע ריכטונגען פונם יידישן שול־וועזן אין אַמעריקע.

## ב

הגם די פּאָר לעבן־געבליבענע אַלטע יידישע תושבים דערציילן אונדז, אַז „אַ יידישע רעליגיעזע שול האָט דאָ שוין עקזיסטירט כמעט פון ערשטן טאָג אָן", איז פונדעסטוועגן שווער זיך פאָרצושטעלן, אַז וועלכע ס'איז יידישער לערן־אנשטאַלט האָט דאָ פונקציאָנירט נאָך פאַר דער גרינדונג פון דער ער־שטער שול „קאָנגרעגיישאָן בני ברית" אין 1862.(1) ס'איז זייער מעגלעך אַז אייניקע עלטערן האָבן אין די ערשטע יאָרן פונם ישוב אַליין מקיים געווען די מצווה „ושננתם לבניך". אַ מער אָדער ווייניקער אָרגאַניזירטער יידישער חינוך האָט זיך דאָ מסתם אָנגעפאַנגען ערשטע אין 1862, ווען אברהם וואָלף אידלמאַן, דער ערשטער רב אין לאָס אנגעלעס, איז אַהער אָנגעקומען.

*) אויסצוג פון אַ גרעסערער פאָרש־אַרבעט, „לתולדות החינוך היהודי בלוס אנגלס.

לויט אונדזערע באַגרענעצטע מקורים איז אַצינד זייער שווער פעסט־צושטעלן דעם גענויען כאַראַקטער פון דער ערשטער שול אין לאָס אַנגעלעס. ווי עס ווייזט אויס איז דער לערן־פּראָגראַם געווען אַ גאַנץ פּשוטער: אַביסל רעליגיע, ד.ה. אַ מין יידישער קאַטאַכיזם, אַביסל עברי, און אַ פּאָר מעשהלעך פון חומש. די צאָל תלמידים איז אין די ערשטע יאָרן געווים געווען זייער קליין, און הרב אידלמאַן איז געווען דער איינציקער לערער. געלערנט האָט מען שבת און זונטיק אין אַ קלייניקן חדר אין דעם בנין פון „קאָנגרעגיי־שאָן בני ברית", וועלכער איז דאַן געווען אויף פּאָרט גאַס (איצט בראָדוויי). (2)

דאָס לערנען, לויט איין מקור, איז געווען קנאַפּ סיסטעמאַטיש. (3) דאָס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך אויב מ'האָט אין זינען, אַז דער מין שול פון וועלכן מיר רעדן דאָ איז נאָך דאַן געווען אַ גאַנץ נייע זאַך ביי יידן אין אַמעריקע. די ערשטע יידישע לער־אנשטאַלטן דאָ אין לאַנד זיינען, ווי באַוואוסט, געווען גאַנצע שולן. די יידישע צוגאָב שול פון דעם מין וואָס האָט זיך געגרינדעט דאָ אין לאָס אנגעלעס אין דער תקופה וועלכע מיר באַהאַנדלען אַצינד, איז נאָך געווען יונג און פורעמלאָז. לערנביכער האָבן נאָך כמעט נישט עקזיסטירט, אַ חוץ אַ פּאָר העפטן פאַרן לימוד פון רעליגיע, און די לימודים זענען אָנגע־גאַנגען אויף אויסנווייניק. אויך שפּעטער, ווען אין די גרעסערע ישובים האָט די שבת־ אָדער זונטיק־שול אָנגענומען אַ מער אָרגאַניזירטן און סיסטעמאַטישן כאַראַקטער, האָט דאָס אויך געהאַט אַ קנאַפּע השפּעה אויף דער ווייטער לאָס אנגעלעס. אַ מער אָרגאַניזירטן כאַראַקטער האָט די שול אָנגענומען ערשט אין 1899, אין דעם יאָר, ווען זיגמונד העכט איז אָנגעקומען פאַר אַ רב אין טעמפּל בני ברית.

ג

מיר וויסן שוין אַז ביזן סוף פון 19טן יאָרהונדערט איז דער היגער יידישער ישוב געווען אומבאַדייטנדיק קליין. די סטרוקטור פון דער קהילה האָט זיך ווייניק געביטן, און דאָס יידישע לעבן אין לאָס אנגעלעס האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום צוויי קליינע סינאַגאָגעס. (4) אָבער אין די קומענדע פּאָר יאָר האָט דער ישוב אָנגעהייבן צו וואַקסן. די ניי־אָנגעקומענע יידן האָבן גע־שטאַמט ס'רוב פון מזרח אייראָפּע. די נייע אימיגראַנטן האָבן געשאַפן נייע אינסטיטוציעס צווישן וועלכע מיר געפינען אויף צוויי חשובע דערציאונגס־אנשטאַלטן — די תלמוד תורה און די יידישע וועלטלעכע שול.

די ערשטע תלמוד תורה האָט זיך געגרינדעט אין 1902 בערך אַרום דער אָרטאָדאָקסישער שול „קהל עדת בית ישראל", מער באַקאַנט דורך איר פּאָ־פּולערן נאָמען די „אַליוו סטריט שול". אין 1905 האָט אַן אַנדערע אָרטאָ־דאָקסישע גרופּע, „קאָנגרעגיישאָן תלמוד תורה", געעפנט אַ צווייטע תלמוד תורה אין אַ פּריוואַטן הויז אויף ראָוז לעבן דער ערשטער גאַס. (5) אַ דריטע שול פון דעם מין האָט געגרינדעט די קאָנסערוואַטיווע „סיני" אַרום 1906 אָדער 1907.

לייענענדיק די כראָניק פון יענער תקופה אין דעם היגן „בני ברית מע־סענדזשער", ווי אויך די באַריכטן וועלכע האָבן דערגרייכט געוויסע נאַציאָנאַלע

אויסגאַבעס, וואַרפט זיך שטאַרק אין די אויגן די נייע צאָל סינאַגאָגעס און חדרים אין דער וואַקסנדיקער לאָס אנגעלעס. מיר לייענען למשל, אַז אין 1909 האָט דער ניי־געגרינדעטער יתומים־הויז איינגעפירט רעליגיעזע און „העברע־אישע" לימודים. אין 1910 האָט די „תפארת ישראל" געעפנט אַ תלמוד תורה, אין 1911 פונקציאָנירט שוין די „פרי היברו סקול" אונטער דער אויפזיכט פון דער „פועלי צדק" שול אין סאַנטא באַרבאַראַ און פאַרק. אא"וו.

דער ערשטער איינדרוק איז, אַז די צאָל תלמוד תורות פאַרמערן זיך פון יאָר צו יאָר. דער אמת איז אָבער, אַז די נייע אינסטיטוציעס בויען זיך גאָר אויפן חשבון פון די אַלטע. אַרום 1910 האָבן אַ סך יידן אָנגעהויבן צו פאַר־לאָזן די געגנט אַרום דעם מזרח טייל פון דער ערשטער גאַס צווישן מעין און דעם טייך לאָס אנגעלעס. זיי האָבן זיך שנעל צעשפרייט אין די נייע געגנטן פון סענטראַל, איסט עדעמס און באָיל הייטס. קליינע גרופעס יידן אין די נייע געגנטן גרינדן שולן און חדרים וועלכע קענען לאַנג נישט עקזיסטירן, פאַר־מאַכן זיך אָדער פאַראייניקן זיך מיט אַנדערע גרופעס. דער סך הכל איז, אַז אַ סך פון די אויבנדערמאָנטע תלמוד תורות און חדרים געפינען זיך שוין נישט מער אין די לאָקאַלע און אויך נאַציאָנאַלע רשימות פון 1919־1920. אויך איז אינטערעסאַנט דער פאַקט, אַז אין 1920, ווען די יידישע באַפעלקערונג אין לאָס אנגעלעס איז שוין באַשטאַנען פון העכער 28,000 נפשות, האָבן דאָ פונק־ציאָנירט בסך הכל פיר אָדער פינף קליינע תלמוד תורות מיט אַ 400 קינדער לערך, בשעת אין איין זונטיק שול,ביים טעמפל „בני ברית, האָבן אין דעמזעל־ביקן יאָר זיך געלערנט 408 תלמידים!*

אין משך פון דער תקופה וואָס מיר באַהאַנדלען דאָ זיינען די תלמוד תורות געשטאַנען אויף גאָר אַ נידעריקער מדרגה. די לערער זיינען לרוב געווען אַלטמאָדישע מלמדים. דער הויפט לימוד איז געווען עיברי, הגם אין די

---

* למען האמת מוז דאָ באַמערקט ווערן, אַז איין תלמוד תורה, אגודת אחים, 21טע און סענטראַל עוועניו, האָט שוין אין 1920 פאַרמאָגט אַ מאָדערנע יידיש און העברעאישע שול.

פריער האָט געלערנט פיבי בערמאַן, אַ ברודער פון אונדזער היגן דיכטער, פינטשע בערמאַן און ווען ער איז אַוועק אין קאַלעדזש איז אויף זיין אָרט אָנ־געקומען אַלס פּרינציפּאַל, י. ל. מאַלאמוט, און מיט אים האָט אויך געלערנט פרוי קאַהאַנאָוויטש און אירע אַ שוועסטער, יעטע גאָרדאָן.

אין דער תלמוד תורה האָט מען געלערנט סיי יידיש, סיי עברעאיש, דאָס איז געווען צו פאַרדאַנקען אַזעלכע יידן ווי סיימאַן שוקין, אין יענער צייט דער פּרעזידענט, און עמיל בראַון, וועלכער איז געווען דער „טרעזשורער".

אין אגודת אחים האָט מען אַלע וואָך דורכגעלערנט די סדרה חומש, עס איז פאַרשטענדלעך, אַז אַזוי ווי די תלמוד תורה איז געשטאַנען אונטער דער אויפזיכט פון דער אגודת אחים קאָנג., זיינען די לימודים געווען אין רעליגיעזן גייסט. די תלמוד תורה האָט זיך אָבער קיינמאָל ניט צגעמאַכט, ביז די יידישע באַפעלקערונג האָט איבערגעצויגן אין וועסט עדעמס, און ממילא האָט זיך אויך די תלמוד תורה איבערגעצויגן.

רעדאַקציע.

בעסערע תלמוד תורות, ווי „בית ישראל" און „סיני", פלעגט מען אָפּט אויך דערגרייכן צו אַביסל חומש. בר־מצווה פאַר די אינגלעך און „קאָנפירמיישאָן" פאַר די מיידלעך איז שוין דאַן געווען דער עיקר פונם יידישן חינוך, ווי מיר זעען אין די פאָלגנדע שטראָפן פונם "בני ברית מעסענדזשער":

Confirmation is vexation,
And barmitzva is as bad,
If the Jewish Education
Is neglected through the fad. (6)

ס'איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס די פּראָגרעסיווע יידישע עלעמענטן אין שטאָט האָבן געהאַט אַ קנאָפּן חשק צו שיקן זייערע קינדער אין די תלמוד תורות אָדער זונטיק שולן און האָבן זיך אַ לענגערע צייט אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק צו שאַפן אַ מער וועלטלעכע אינסטיטוציע.

אַזוי אַרום איז די ערשטע יידישע וועלטלעכע שול אין לאָס אנגעלעס, די „נאַציאָנאַלע ראַדיקאַלע שולע", געגרינדעט געוואָרן אין 1913. צוליב פי־נאַנציעלע און אַנדערע סיבות האָט מען געלערנט נאָר שבת און זונטיק אין דעם „פּאַבליק סקול" בנין אויף קאַרנוועל גאַס. אַזוי איז ער אָנגעגאַנגען ביז אַמעריקע איז אַריין אין דער ערשטער וועלט־מלחמה. צוליב דער גרויסער שנאה וואָס האָט זיך דאָ דאַן פאַרשפּרייט קעגן פרעמדע שפּראַכן, האָט די שול געמוזט פאַרלאָזן דעם „פּאַבליק סקול" בנין און האָט געוואַנדערט פון איין פּלאַץ צום צווייטן. (7)

אין 1920 פונקציאָנירט דאָ די „יידישע פאָלקס שול" ווי אַ שבת־ און זונטיק־שול אינעם ווילקאָקס בנין אויף דער צווייטער און ספּרינג. שפּעטער איז די שול אַריבער אין איר אייגן הויז אויף 420 נאָרט סאָטאָ גאַס און איז דאַן געוואָרן אַ טעגלעכע שול.

אין דער „נאַציאָנאַל ראַדיקאַלער שול" און אויך שפּעטער אין דער „פאָלקס שול" איז דער לימודים פּראָגראַם נישט אַלעמאָל געווען אַ פעסט באַשטימטער און איז כמעט אַלעמאָל געווען שטאַרק אָפּהענגיק פון די לערער. צוליב דעם מאַנגל אין לערער וואָס האָט דאַן געהערשט דאָ אין שטאָט, זיינען אָפט אָנ־געשטעלט געוואָרן מענטשן וועלכע האָבן נישט אַלעמאָל רעפּרעזענטירט די שול־פאַרוואַלטונג און די עלטערן. דעם פאַקט זעט מען בולט פון די ווייטער־דיקע שורות פונם אַקטיוון שול־טוער י. ש. נאומאַוו:

> אין באָיל הייטס האָט געוואוינט אַ יונגערמאַן מיטן נאָמען וואַקס. דער יונגערמאַן איז געווען אַ פּעאיקער און אַ דערפאַ־רענער לערער, אָבער — ער איז אויך געווען אַן עקסטרעמער אַסימילאַטאָר און ער האָט זיך אויסגעלאַכט פון אונזער נאַצי־נאַלן געדאַנקענגאַנג . . . בלית ברירה האָבן מיר אים אָנגעשטעלט אַלס לערער . . .(8).

אויף ווי ווייט דער מאַנגל אין לערער האָט געווירקט אויפן לערער־פּראָג־ראַם זעען מיר אויך פון די זכרונות פון אַ היגן לערער:

אויב די לערער זיינען געווען פועלי ציון יידישיסטן, איז דער טראָפּ געשטעלט געוואָרן אויף יידיש מיט אַ פּועלי ציוניס־טישע אויסטייטשונג. זיינען געווען די לערער פאָלקיסטן, איז שוין די פּועלי ציון אידעאָלאָגיע, אָדער בכלל אידעאָלאָגיע געווען אסור להזכיר. אויב די לערער זיינען געווען געווזענע תלמוד־תורה לערער, דאַן איז דער טראָפּ געשטעלט געוואָרן אויף העב־רעאישע לימודים און סתם נאַציאָנאַליזם. דער נאָמען און אינ־האַלט פון ראדיקאַלע שולע איז דאַן ראַדיקאַל פאַרשוואונדן גע־וואָרן. (9)

שוין אין 1920 האָט די פאָלק שול געזען די נויטווענדיקייט צו אָרגאַניזירן אירע עלטערן און פריינט אין אַ שול־פאַראיין. דער „יידישער פאָלקס־שול־פאַראיין" האָט אַגיטירט אינם ישוב פאַר דער וויכטיקייט פון יידישן חינוך און האָט אויך אַרויסגעגעבן אויף אַ קורצער צייט די „יידישע פאָלקס־שול־מאָנאַט־שריפט", אַ זשורנאַל פאַר עלטערן און קינדער, אונטער דער רעדאקציע פון אהרון טאַניס. עס מוז דאָ אויך באַצייכנט ווערן, אַז ווי ווייט ס'איז אונדז באַ־קאַנט, זיינען דער פאַראיין־ און די שול־שריפט געווען די ערשטע טעטיקייטן פון דעם מין אין דער געשיכטע פון יידישן חינוך אין לאָס אנגעלעס.

## ד

אין 1923 האָט יוליוס דראכסלער געפאָרשט דעם מצב פון יידישער דער־ציאונג אין לאָס אַנגעלעס, (10). דער פאָרשער האָט דאָ געפונען 7 תלמוד תורות, 3 זונטיק־שולן און איין יידישע וועלטלעכע שול. (11) אין די זונטיק־שולן האָבן דאַן געלערנט 760 קינדער, אין די תלמוד תורות — 458, אין דער יידישער שול — 130, און ביי פּריוואַטע מלמדים און לערער — 150 קינדער לערך. ס"ה — 1,500 קינדער.

אויפן סמך פון דר. דראַכסלערס אָפּשאַצונג האָט די יידישע קינדער־באַ־פעלקערונג אין לאָס אנגעלעס, אין עלטער פון 7 ביז 14 יאָר, באַטראָפן 4,725. קומט אויס, לויט זיין חשבון, אַז אין 1923 האָבן בלויז 31 פּראָצענט פון די היגע יידישע קינדער אין שול־עלטער געקראָגן וועלכע ניט איז יידישע דערציאונג.

ווייטער אין זיין באַריכט גיט אונדז דראכסלער איבער, אַז אין די היגע לערן־אנשטאלטן, אויסער אין דער פאָלק־שול און אין די זונטיק שולן, לער־נען זיך כמעט נאָר אינגלעך. „די שול בנינים זיינען ענג און אָן געוויסע נויי־טיקע שול־מכשירים. דאָס לערנען איז טרוקן און לאַנגווייליק, און בדרך כלל מערקט זיך די אָפּוועזנקייט פון סאָציאַלע אַקטיוויטעטן". אינטערעסאַנט איז אויך דער פאַקט, אַז אין דעם יאָר פון דראכסלערס פאָרשונג איז די פאָלק־שול געווען די גרעסטע טעגלעכע שול אין שטאָט מיטן גרעסטן בודזשעט וואָס האָט באַטראָפן נאָענט צו פינף טויזנט דאָלער.

אין זיינע רעקאָמענדאציעס שלאָגט דראכסלער פאָר, אַז ס'זאָלט געשאַפן ווערן

אַ סוב־קאָמיטעט פון מענטשן וועלכע זיינען באמת פאַר־אינטערעסירט אין יידישן חינוך. זיין פונקציע זאָל זיין פעסטצו־

> שטעלן דער קהילה'ס באַדערפעניש אויפן געביט פון יידישן חינוך . . . מיט דער צייט וועט דער קאָמיטעט קענען דינען די שטאָט אַלס אַ יידישער דערציאונגס ראַט . . . (12)

ליידער איז דר. דראכסלערס פאָרשלאָג געבליבן אויפן פּאַפּיר. דער כאַאָטישער צושטאַנד פון היגן יידישן חינוך איז אָנגעגאַנגען אויך אין די קומענדיקע פּאָר יאָר, ביז עטלעכע ניי־אָנגעקומענע עסקנים האָבן דאָ אַנטוויקלט אַ מאָדערנע שטאָטישע תלמוד־תורה, וואָס מ'דאַרף הייַנט אנערקענען ווי דעם אָנהייב פון שטאָטישער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן יידישן חינוך אין לאָס אַנגעלעס.

אין 1925 האָט די „סאָשיעל סענטער אַסאָסיאיישאָן" געעפנט אין אַ קליינעם בנין אויף סאָטאָ און מישיגאַן די „מאָדערן תלמוד תורה ענד סאָשיעל סענטער". דאָס איז געווען אַ טראַדיציאָנאַל־נאַציאָנאַלע העברעאישע שול און אַ מין „קאָמיוניטי צענטער", וואָס זיינען געשטאַנען אונטער דער אויפזיכט פון איין דירעקטאָר, יעקב אלקאָוו. די פאַרוואַלטונג האָט אַהער געבראַכט עטלעכע גוטע מאָדערנע לערער פון פאַרשיידענע טיילן פון לאַנד. דער לימודים־פּראָגראַם, אויסגעאַרבעט פאַר אַכט קלאַסן, איז באַשטאַנען פון העברעאיש, העברעאישע ליטעראַטור, געשיכטע, אגדות און מידרש, און אין אַכטן קלאַס אויך תלמוד.(13) אין 1927 האָט די שול באַריכטעט 250 תלמידים.

דער דערפאָלג פון דער „מאָדערן תלמוד תורה" האָט געפירט צו דער גרינדונג פון אַ חברה פאַרן יידישן חינוך דאָ אין שטאָט וועלכע האָט זיך גערופן „דהי דזשואיש עדיוקיישאַנאַל אַסאָסיאיישאָן".(12) די „אַסאָסיאיישאָן" האָט איבערגענומען די פינאַנציעלע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם בודזשעט פון דער „מאָדערן תלמוד תורה" וועלכער האָט דאַן באַטראָפן 13,877.00 דאָלער. אין 1928 איז געגרינדעט געוואָרן די „וואבאַש־סיטי טעררעס תלמוד תורה", ווי אַ צווייג־שול פון דער „מאָדערן תלמוד תורה" און אַביסל שפּעטער האָבן זיך אויך אָנגעשלאָסן ווי צווייגן די „רודף שלום" און „ווועסט עדעמס" תלמוד תורות. אין זעלבן יאָר האָט דער פאָרזיצער פון דער „אַסאָסיאיישאָן", דער ריכטער א. ראָזענקראַנץ, באַריכטעט אין דער היגער פּרעסע, אַז ביי אַ קאָנפערענץ פון שול טוער און לערער איז באַשלאָסן געוואָרן צו גרינדן,

> אַ ביוראָ פאַר יידישער דערציאונג וואָס זאָל קאָאָרדינירן די אַרבעט פון אַלע יידישע און העברעאישע שולן דאָ אין שטאָט. (13)

באַלד נאָך דער קאָנפערענץ האָט די „אַסאָסיאיישאָן" טאַקע איינגעלאַדן דעם באַקאַנטן פּעדאַגאָג און העברעער ה. א. פרידלאַנד אַלס דירעקטאָר פון דער פּראָיעקטירטער ביוראָ. אינמיטן דעם משא ומתן מיט פרידלאַנדן, האָט אָבער אויסגעבראָכן דער עקאָנאָמישער קריזיס פון 1929, און דער גאַנצער ביוראָ פּראָיעקט איז בטל געוואָרן.

אין משך פון 1930־1931 איז די הכנסה פון דער „אַסאָסיאיישאָן" שטאַרק געפאַלן און די לערער האָבן דעריבער נישט געקראָגן זייערע שכירות. די פינאַנציעלע לאַגע פון דער „אַסאָסיאיישאָן" האָט זי סוף סוף געצוואונגען צו פאַרמאַכן

די „מאָדערן תלמוד תורה" און אין 1931 איז די „אַסאָסיאיישאָן" אינגאַנצן ליק־ווידירט געוואָרן.

**די תלמוד תורות וואָס זיינען ווידער אַריבער אין די הענט פון די גבאים און פרעזידענטן פון די סינאַגאָגעס, און אויך די פאָלק־שול און אַנדערע וועלט־לעכע לערן־אינסטיטוציעס האָבן זיך געמאַטערט אונטערן יאָך פונם שווערן קריזיס, ווי מיר זעען אין די ווייטערדיקע שורות:**

> די תלמוד תורות האַלטן ביים צוזאַמענברעכן, ווייל עס איז ניטאָ מיט וואָס זיי אויסצוהאַלטן. די לערער קריגן ניט באַצאָלט פאַר זייער לערע, ווייל עס איז ניטאָ מיט וואָס צו צאָלן. די פאָלקס־שולע און אַנדערע פאָלקס לער־אנשטאַלטן מאַטערן זיך מיטן טויט און קוים וואָס זיי ציען זייער עקזיסטענץ. (14)

**ערשט אין 1935 האָבן געוויסע כלל טוער זיך אַרומגעקוקט אין באַשלאָסן צו באַנייען די פלענער פון דער אויפגעלייזטער „דזשואיש עדיוקיישאַנאַל אַסאָ־סיאיישאָן". אין 1935 האָט דער „יידישער קאָמיוניטי קאָנסיל" באַשטימט אַ קאָמיטעט וואָס זאָל זיך פאַרנעמען מיט דעם חינוך פּראָבלעם. פון אָט דעם קאָמיטעט איז אויסגעוואַקסן די היגע „ביוראָ פאַר יידישער דערציאונג".**

**די „ביוראָ פאַר יידישער דערציאונג" האָט אָנגעהויבן צו פונקציאָנירן אין 1937 אונטער דעם פאָרזיץ פון י. י. ליבערמאַן. אירע ערשטע אַקטיוויטעטן זיינען געווען שטאַרק באַגרעניצט. אין די קומענדע יאָרן, ווען די קהילה איז שנעל געוואָקסן און דער חינוך האָט זיך פאַרשפרייט איבער דער שטאָט, האָבן זיך אויך שטאַרק פאַרצווייגט דער ביוראָס טעטיקייטן. היינט צו טאָג איז די לאָס אַנגע־לעסער פאַררעכנט ווי איינע פון די גרעסטע ביוראָס פאַר יידישער דערציאונג אין אַמעריקע.**

---

(1) אין דער געשיכטע פון אַ סך אַנדערע קהילות אין אמעריקע איז דער אָנהייב פון יידישן חינוך כמעט אַלעמאָל ענג פאַרבונדן מיט דער גרינדונג פון אַ סינאַגאָגע. זען:

Grinstein, Hyman B., "Studies in the History of Jewish Education in New York City," **The Jewish Review,** vol. 2, No. 1, p. 41.

(2) אומגעפער 218 No. Broadway

(3) "The Jewish School," **B'nai B'rith Messenger,"** vol. 31, No. 23 (June 7, 1929).

(4) „בני ברית", דאָן שוין אַ רעפאָרמירטער טעמפל, און די ניי־געגרינדעטע אָרטאָדאָקסישע שול „בית ישראל".

(5) ווי עס ווייזט אויס האָבן די ניי־אָנגעקומענע יידן זיך נישט געקענט אַריינפּאַסן אין דער צופיל אַמעריקאַניזירטער שול „בית ישראל", וואו נאָך אין 1899 איז באַשלאָסן געוואָרן אַז די פּראָטאָקאָלן מוזן געשריבן ווערן אויף ענגליש.

(6) Myers, Isidor R., "Confirmation and Barmitzva," **B'nai B'rith Messenger,** vol. 14, No. 1, (January 31, 1910).

(7) וועגן דעם שיקזאַל פון דער שול אין צייט פון דער מלחמה זיינען פאַראַן חילוקי דעות. ש. שולמאַן גיט איבער אַז די שול האָט זיך פאַרמאַכט און איז ווי־דער דערעפנט געוואָרן ערשט נאָך דער מלחמה. זען: „נאָטיצן פון אַ געוועזענעם לערער אין דער פאָלק שול", „חשבון", 1946, ז. 84. די פרטים וואָס מיר גיבן איבער אינם אַרטיקל גופא זיינען גענומען געוואָרן פון אַן אַרטיקל ביים שול־

# פינף יאָר עקזיסטענץ פון יידישן קינדער־טעאַטער אין לאָס אַנדזשעלעס

## פון דר. דוד ברידזשער

אין אַ צייט ווען די מערכה פון יידישן לשון און יידישער קולטור איז ניט קיין צו זיכערע; אין אַ צייט ווען געשוואוירענע שוואַרצזעער און קלאָגמוטערס האָבן אַראָפּגעלאָזט די הענט, און שוין אַרויסגעטראָגן אַ טויט־אורטייל אויף דעם שענסטן קאַפּיטל פון יידישן שאַפן אין אונדזער צייט — דאָס יידישע לשון און אירע קולטור־ווערטן — אין אַזאַ צייט האָט אַ הייפּעלע איבערגעגעבענע יידישע קולטור־ און שול־טוער אין לאָס אנדזשעלעס באַוויזן אַז ניט נאָר דאַרף מען און מען קען אָנהאַלטן די שוין דערוואָרבענע פּאָזיציעס און אינסטיטוציעס, נאָר מען דאַרף אויך און מען קען שאַפן נייע אינסטיטוציעס און אויפשטעלן נייע פּאָזיציעס פאַר דער יידישער שפּראַך און איר קולטור.

אויף דער איניציאַטיוו פון דער פאַראייניקטער יידישער מיטלשול אין לאָס אנדזשעלעס, מיט דער מיטהילף פון די לערערס און שול־טוערס פון אַלע יידישע שולן ביי אונדז אין שטאָט, איז מיט פינף יאָר צוריק געשאַפן געוואָרן דער יידישער קינדער־טעאַטער. און איצט איז כדי זיך אָפּצוגעבן אַ דין־וחשבון וועגן דעם דערפאָלג פון אָט דער געוואַגטער אונטערנעמונג. און מאַכנדיק דעם סך־הכל פרעגט זיך: האָבן די אַריבער זיבעציק קינדער פון אַלע יידישע שולן, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין קינדער־טעאַטער אין משך פון

---

טוער נאומאָוו, וועלכער איז געווען אַ גרינדער פון דער שולן און אן עד ראייה. לויט נאומאָוו קומט אויך אויס, אַז די פאָלקס שול איז געווען כמעט אַ דירעקטע אַנטוויקלונג פון דער ערשטער יידישער שול אין שטאָט. זע:

Naumoff, I. S., "The Yiddish Folk School," **California Jewish Voice,** vol. 10, Nov. 28-29 (February 19 and 26, 1932).

(8) דאָרטן.

(9) שולמאַן, דאָרטן, ז. 87.

(10) Drachsler, Julius, "Jewish Education Problem in Los Angeles," **Survey of Jewish Community in Los Angeles** (1923) by Samuel Goldsmith and Julius Drachsler.

Federation of Jewish Welfare Organizations of Los Angeles!

געפינט זיך אין אַרכיוו

(11) דראַכסלער לאָזט אַרויס פון חשבון די אַרבעטער רינג שול וועלכע האָט שוין דאַן עקזיסטירט, לויט אַנדערע מקורים. זען: ל. מעלצער, „25 יאָר אַרבעטער רינג אין לאָס אַנדזשעלעס", „חשבון", ז. 89.

(12) דאָרטן. זען: Conclusions and Recommendation.

(12) אירע פירער זיינען געווען: א. ראָזענקראַנץ, פּאָרזיצער; טשאַרלס ביווער און אהרון ריטש, וויצע־פּאָרזיצערס; י. י. ליפּסיטש, סעקרעטאַר און עמיל בראַון, קאַסירער.

(13) "Judge Rosencranz Discusses Jewish Education," **B'nai B'rith Messenger,** vol. 31, No. 49 (December 14, 1928).

(14) ש. עפּשטיין, „כשרות, תלמוד תורה'ה, אינסטיטוציעס", „קאַליפאָרניער יידישע שטימע", 4טן מערץ, 1932, ז. 10.

די פינף יאָר, דערגרייכט די געשטעלטע דערציִערישע צילן? האָט די איבּ־סטיטוציע פון קינדער־טעאַטער געהאַט איר געהעריקע השפעה אויף דער יידישער גאַס? האָט דער יידישער קינדער־טעאַטער בייגעשטייערט צו דעם דערפאָלג פון יידיש און צו דער אויפלעבונג פון יידישע קולטור־טעטיקייטן דאָ אין שטאָט?

אין די ווייטערדיקע שורות וועלן סומירט ווערן די הויכפּונקטן פון דער השפעה פון יידישן קינדער־טעאַטער, און די אויבנגעשטעלטע פראַגעס וועלן אין אַ געוויסער מאָס פאַרענטפערט ווערן.

## דערציִערישער געווינס

קודם־כל האָט דער קינדער־טעאַטער דערמעגלעכט אַז די קינדער־אייב־טיילנעמער אין די פאַרשיידענע פאָרשטעלונגען זאָלן האָבן די געלעגנהייט צו הערן און זיך באַנוצן מיטן יידישן וואָרט אויסער די ווענט פון דער יידישער שול, וואָס איז לרוב דאָס אייציקע אָרט וואו דאָס יידיש לשון ווערט געהערט. דער קינדער־טעאַטער האָט אויך זיכער משפיע געווען, אַז די קינדער זאָלן קריגן אַ יראת־הכבוד פאַרן גערעדטן יידישן וואָרט, צוליב דעם וואָס זיי האָבן זיך געמוזט לערנען די קונסט פון ריינער יידישער אויסשפּראַך, פון געהעריקער באַטאָנונג און אויסטייטשונג. די קינדער האָבן געמוזט דערפילן אַז יידיש איז אַ קולטור־שפּראַך, און ניט קיין ווילד־גראָז, אָדער עפּעס אַ „דייעלעקט", וואָס „גרינע" דאַרפן באַנוצן צוליב זייער ניט זיין אַמעריקאַניזירט. די קינדער האָבן זיך איבערצייגט אַז דורך יידיש, פונקט אַזוי ווי דורך ענגליש, קען מען אויס־דריקן געדאַנקען און עמאָציעס, און מען קען זיך אַמוזירן און קריגן גייסטיקע באַפרידיקונג.

דער קינדער־טעאַטער האָט אַריינגעפירט די קינדער אין דעם היכל פון יידישן אינהאַלט און שאַפונג. אין משך פון די פינף יאָר האָט דער קינדער־טעאַטער אויפגעפירט די פאָלגנדיקע פּיעסן: „שלמה המלך און די בין" פון דוד ברידזשער; „דער אַרענדאַר" לויט פּרץ'ן (באַאַרבעט פון סיטראָן־בערקאָוויטש); „זאָג ניט קיינמאָל", אַ געטאָ־שפּיל פון גרשון אייינבינדער; „אליהו הנביא" פון פּרץ הירשביין; „כפרות" פון שלום עליכם; און די פאָלקסשפּיל הערשעלע אָסטראָ־פּאָליער".

אין גרויסן סך־הכל זיינען די דערמאָנטע פּיעסן אַ מיניאַטור קוואָר־שניט פון יידישן שאַפן, דורך וועלכן די קינדער האָבן אַריינגעבליקט אין דעם לאַ־בירינט פון יידישער געשיכטע, יידיש פאָלקסלעבן, לעבנשטייגער, מנהגים, פאָלק־לאָר, סאָציאַלע מאָטיוון, און די טראַגיק פון יידישן גלות־לעבן. די קינדער האָבן גייסטיק אַראָפּגעשלונגען אַ יידישע טרער, זיך דערקוויקט מיטן זאַפט פון יידישן וויץ, זיך גייסטיק דערהויבן דורך דער וועלט פון יידישע געדאַנקען, אידייען און אידעאַלן, און זיך אידענטיפיצירט מיט די פּראָבלעמען פון יידישן לעבן, און מיטן געראַנגל פון דעם אַרבעטס־מענטש.

וו אַן אינטעגראַלער טייל פון די טעאַטער אויפפירונגען, האָבן יידישע מוזיק, יידישע טענ , קאָסטיומען און דעקאָראַציעס, געוועקט ביי די קינדער דעם עסטעטישן געפיל, און זיי געגעבן אַ מער קאָנקרעטע פאָרשטעלונג פון דעם יידישן לעבן אַמאָל און היינט.

כאָטש עס איז שווער אָפּצומעסטן אַקוראַט און צו זאָגן באַשטימט אין וועל־כער מאָס יעדער קינד פֿונם קינדער־טעאַטער איז באַווירקט געוואָרן יידישלעך אַ דאַנק די טעאַטער אַקטיוויטעטן, איז אָבער בפירוש זיכער, אַז דער קאָנטאַקט במשך פֿון עטלעכע יאָר מיטן קינדער־טעאַטער האָט געווירקט פּאָזיטיוו אויפֿן יידישן באַוואוסטזיין פֿון די קינדער, און זיי געגעבן אַ זיכערע גייסטיקע באַפֿרי־דיקונג, פֿון זייער יידישקייט און פֿון די יידישע קולטור־ווערטן.

## פֿאַרגרעסערטע שול־ און דערציאונגס־טוערשאַפֿט

די טעטיקייטן אַרום קינדער־טעאַטער האָבן, נאַטירלעכערווייז, אַרויסגערופֿן אַ גרעסערן אינטערעס און אָפּטמאָל באַגייסטערונג, ביי די עלטערן פֿון די קינדער, און פֿאַרשטאַרקט דעם אחריות געפֿיל און די טעטיקייטן ביי די שול־און קולטור־טוער ביי אונדז אין שטאָט, און גאַנץ באַזונדערס ביי די טוערס פֿון דער יידישער מיטלשול אונטער וועמענס אויפֿזיכט דער קינדער־טעאַטער געפֿינט זיך.

יעדעס יאָר קינדער־טעאַטער אַרבעט, יעדער טעאטער אויפֿפֿירונג, איז אַ קאָלאָסאַלע אונטערנעמונג סיי פֿינאַנציעל און סיי דערציעריש. עס פֿאָדערט זיך מצד די עלטערן, טוער און לערער אַ גרויסע מאָס ענערגיע, שווערע אַרבעט און אחריות. אַרום דער מיטלשול און קינדער־טעאַטער האָבן פֿלייסיק געאַרבעט אַרום פֿופֿציק טוער און עלטערן, וועלכע האָבן מיט באַגייסטערונג, פֿלאַנירט, געזאַמלטביישטייערונגען, דורכגעפֿירט פֿאַרשיידענע געלט־אַקציעס און אונ־טערנעמונגען, פֿאַרקויפֿט בילעטן, געקראָגן נייע אבאָנענטן־מיטגלידער און געוואונען פֿריינט פֿאַרן קינדער־טעאַטער.

די געשעפֿט זיצונגען פֿונם קינדער־טעאַטער זיינען אָפֿט פֿאַרוואַנדלט גע־וואָרן אין קולטור־פֿאָרומס, וואו די פּרינציפּן פֿונם קינדער־טעאַטער און זיינע דערציערישע אויפֿגאַבעס זיינען דיסקוטירט געוואָרן פֿון אַלע אָנוועזנדע. ווען ס'האָט געדאַרפֿט באַשטימט ווערן אַ פּיעסע פֿאַרן טעאַטער־סעזאָן, אין טראַך דעם וואָס ס'איז פֿאַראַן אַ ספּעציעלער קאָמיטעט פֿון דערפֿאַרענע פּעדאַגאָגן און קולטור־טוער, פֿאַר דעם צוועק, האָט יעדער באַשלוס געדאַרפֿט גוטגעהייסן ווערן פֿון דעם גרויסן עקזעקוטיוו קאָמיטעט. אָפֿט מאָל זיינען די דערציערישע דיס־קוסיעס פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין הייסע דעבאַטעס, די געמיטער האָבן זיך צע־פֿלאַמט, ס'זיינען אפֿילו געוואָרן צדדים — אָבער אין גרויסן סך־הכל זיינען די דיסקוסיעס געווען דערציעריש, און האָבן זיכער געהאָלפֿן יעדן טוער, און די פֿאַראינטערעסירטע עלטערן, צו קריגן אַ גרעסערע פֿאַרשטענדעניש פֿאַר דער־ציאונגס־פּראָבלעמען בכלל און פֿאַר די צילן פֿונם קינדער־טעאַטער בפרט.

דער קינדער־טעאַטער האָט אויך געהאָלפֿן צוציִען נייע טוערס צו דער מיטלשול. אַ גרעסערע צאָל עלטערן און פֿריינט, וואָס זיינען לכתחילה געווען בלויז פֿאַראינטערעסירט אין קינדער־טעאַטער אַליין, האָבן שפּעטער איינגעזען, אַז סיי דער קינדער־טעאַטער און סיי די מיטלשול, זיינען צווי זייטן פֿון דער זעלביקער מטבע, ד.ה. יידישע דערציאונג פֿאַרן יידישן קינד! און זיי האָבן זיך, פֿאַלגלעך, אָנגעשלאָסן אויך אין דער אַרבעט פֿאַר דער מיטלשול.

## די השפּעה אויף דער יידישער גאַס

דער יידישער קינדער־טעאַטער איז געוואָרן אַ וויכטיק פּראָפּאַגאַנדע־מיטל פאַר יידישער דערציאונג אין לאָס אַנדזשעלעס. מיט דער הילף פון דער פּרעסע, דורך דער ראַדיאָ, דורך אויפקלערונגס פּראָפּאַגאַנדע ביי יידישע אָרגאַניזאַציעס, דורך פּלוג־בלעטלעך און בריוו, און דער עיקר, דורך די אויפפירונגען גופא פונם קינדער־טעאַטער האָט מען באַוויזן צו דערגרייכן הונדערטער יידישע היימען און טויזנטער יחידים, וואָס האָבן אַן אינטערעס אין יידישן וואָרט. יעדער קינדער־טעאַטער אויפפירונג איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין כמעט אַ שטאָטישן יום־טוב, צו וועלכן הונדערטער מענטשן זיינען געקומען מיט אַ באַזונדער פייערלעכקייט און דערוואַרטונג.

דער קינדער־טעאַטער האָט אויך געקראָגן אנערקענונג אויפן נאַציאָנאַלן מאסשטאַב. גרויסע שטעט מיט אַ גרעסערער נעץ פון יידישע שולן, האָבן זיך מתקנא געווען אין לאָס אנדזשעלעס, וואָס האָט באַוויזן צו שאַפן אַזאַ שיינע אינסטיטוציע. דער קינדער־טעאַטער רעפּערטואַר האָט פאַראינטערעסירט אויך אַנדערע שטעט, און אויף וויפל עס איז באַוואוסט, האָט מען אין מאָנטעראַל און אין דרום אַמעריקע אויפגעפירט די ערשטע פּיעסע פונם קינדער־טעאַטער.

אין לאָס אנדזשעלעס גופא זיינען די העברייאישע שול־ריכטונגען מקנא דעם יידישן שול־וועזן, מיט דער שאַפונג פונם קינדער־טעאַטער. ביי אַ פּאָר געלעגנהייטן האָט די ביורא פאַר יידישער דערציאונג, איינגעלאַדן דעם קינדער־טעאַטער אויפצוטרעטן ביי גרעסערע צווישן־שול עפנטלעכע אונטערנעמונגען, און פולע אנערקענונג איז געגעבן געוואָרן סיי די קינדער און סיי דער פאַרוואַלטונג פון דער מיטלשול און קינדער־טעאַטער. אויך די יידישע צענטערס האָבן איינגעלאַדן דעם קינדער־טעאַטער זיך צו באַטייליקן אין אַ יידישער קולטור־פּראָגראַם. אַ סך יידישע אָרגאַניזאַציעס זיינען איצטער גרייט אויפצונעמען דעם יידישען קינדער־טעאַטער ביי זייערע קולטור אָוונטן, אַזוי שנעל ווי דער רעפּערטואַר און די באַדינגונגען וועלן דאָס דערלויבן.

## ס ך ־ ה כ ל

לויט די שוין דערוואָרבענע רעזולטאַטן, האָט דער קינדער־טעאַטער כשר פאַרדינט זיין אנערקענונג און זיין ווייטערדיקע עקזיסטענץ באַרעכטיקונג. אוודאי זיינען אויך געמאַכט געוואָרן טעותן, און ניט אַלץ וואָס מע האָט דערוואָרט איז פולשטענדיק דערגרייכט געוואָרן. עס איז וויכטיק אַז אַלע יידישע לערער דאָ אין שטאָט זאָלן להבא אַרויסווייזן אַ גרעסערן אינטערעס אין קינדער־טעאַטער. עס איז אויך נויטיק אָפּצוקלייבן דעם טעאַטער רעפּערטואַר אויף אַ מער פאַרזיכטיקערן אופן; עס איז אויך וויכטיק אַז לערער און עלטערן פון די יידישע שולן אין לאָס אנגעלעס זאָלן דערמוטיקן אַ גרעסערע צאָל קינדער זיך אַנצושליסן אין קינדער־טעאַטער!

איצטער, ווען עס ווערט געפייערט דריי הונדערט יאָר פון יידיש לעבן אין אַמעריקע, קען מען מיט באַשיידנקייט זאָגן, אַז אין דער קרוין פון יידישן שאַפן און לעבן דאָ אין לאַנד, איז דער קינדער־טעאַטער אין לאָס אַנדזשעלעס אַ ווערטפולער בריליאַנט.

# דער „ייוואָ" אין אַמעריקע און זיין אויפטו

פון ד. ריגאַל (ניו יאָרק)

דער יידישער ווינשאַפטלעכער אינסטיטוט, „ייוואָ", גייט איצט אַריין שוין אין דרייסיקסטן יאָר פון זיין עקזיסטענץ. ער איז געשאַפן געוואָרן אין ווילנע אין 1925. סוף 1940, ווען עס איז קלאָר געוואָרן אַז די שווערד פון נאַצישער פאַרניכטונג האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבערן גאַנצן אייראָפּייאישן, און דער עיקר מזרח־אייראָפּייאישן, יידישן ישוב, איז דער צענטער פון „ייוואָ" אַריבערגעטראָגן געוואָרן קיין ניו יאָרק, וואו עס האָט שוין פון פריער עקזיסטירט אַן ענערגישער, אַקטיווער „אַמאָפּטייל".

אין פרט פון צייט, גלייכן זיך שוין אויס דיביידע פעריאָדן, דער ווילנער און דער אַמעריקאַנער. אָבער די ראָלע פון יעדן איינעם אין דער געשיכטע פון ייוואָ איז גאָר אַ פאַרשיידענער: דער ייוואָ אין ווילנע האָט געלייגט די פונדאַמענטן פון דער אָרגאַניזאַציע פון יידישער וויסשאַפט; ער האָט געשאַפן די באַדינגונגען פון קאָלעקטיווער אַרבעט פון יידישע וויסנשאַפטלערס און ער האָט זיי געגעבן אַ מעגלעכקייט צו אַרבעטן יעדן איינעם לויט אַ ווייט־זעעוודיקן באַציאָנאַלן פּראָגראַם. מיט זיינע שריפטן האָט ער געוואַלדיק באַרייכערט די יידישע וויסנשאַפט, ספּעציעל אין די פעלדער פון יידישער פילאָלאָגיע, עקאָנאָמיק און געשיכטע; צווישן די גרויסע יידישע ביבליאָטעקן אויף דער וועלט האָט ער אָנגעזאַמלט נאָך איין נייע גרויסע ביבליאָטעק, וואָס איז אָבער געווען ספּעציעל רייך — מער ווי אַנדערע — אין דער ליטעראַטור פון מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום פון די עלטערע צייטן ביז די לעצטנס; אויפן געביט פון אַרכיוויסטיק האָט דער ייוואָ דער ערשטער ביי יידן געשאַפן אַ פאָרשערישן אַרכיוו וועגן יידן איבער דער גאָרער וועלט, ד"ה אַן אַרכיוו וואָס האָט אויפן אויג די באַדערפענישן און די נויטן פון יידישן פאָרשער, וואָס שייך אָריגינעלע מקורים־מאַטעריאַלן.

אין סך־הכל האָט דער ייוואָ אין זיין ווילנער פעריאָד געהאַט צו פאַרצייכענען אַ קאָלאָסאַלן אויפטו: פאַרן אויסבראָך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט די ייוואָ ביבליאָטעק געציילט איבער 150,000 בענד, דער ייוואָ אַרכיוו האָט פאַרמאָגט ביי 200,000 טעקעס מיט דאָקומענטן, און די וויסנשאַפטלעכע פּובליקאַציעס האָבן באַטראָפן איבער 25,000 זייטן.

ווען דער צענטער פון ייוואָ איז אַריבערגעפירט געוואָרן קיין אמעריקע, האָט מען דאָ געמוזט אָנהייבן כמעט ווי פון דאָס ניי. דער „אַמאָפּטייל" וואָס האָט עקזיסטירט זינט 1927, האָט ביז דעמאָלט דער עיקר זיך פאַרנומען מיט שאַפן מאַטעריעלע מיטלען פאַרן ווילנער ייוואָ און אין דעם פרט איז ער געווען אַ שטאַרקע אונטערשטיצונג פאַרן ייוואָ צענטער; זינט אַ יאָר האָט ער געהאַט איבערגענומען די „צענטראַלע יידישע ביבליאָטעק און אַרכיוו" מיט אַן ערך 15,000 ביכער און אַן אַרכיוו מיט עטלעכע קליינע כאָטש ווערטפולע קאָלעקציעס, אין פרט פון אויסגאַבעס האָט דער אמאָפּטייל געהאַט אַרויסגעגעבן עטלעכע בענד וויסנשאַפטלעכע שריפטן.

אין משך פון אַ קורצער צייט האָט זיך דאָ אין ניו יאָרק די ייוואָ אַרבעט פאַנאַנדערגעוואָקסן מיט אַ געוואַלדיקן שוואונג: סוף 1940 איז דאָ אַרויס דער

ערשטער באַנד „ייווא־בלעטער" (דער 15טער באַנד אין דער ריי); אָנהייב 1941 איז אַרויס דער ערשטער נומער פון זשורנאַל „יידישע שפּראַך"; אָנהייב 1942 זיינען אַרויס די צוויי בענד „יידן אין פראַנקרייך", וואָס דער וויסנשאַפטלעכער אָנפירער פון דער היסטאָרישער סעקציע, אליהו טשעריקאָווער ע"ה, האָט אין 1940 מיטגעבראַכט אין כתב־יד פון פראַנקרייך. אין 1941 האָט זיך געעפנט די אַספּיראַנטור פון ייווא, וואָס האָט עקזיסטירט ביז 1943 (איינשליסלעך), ווען אַלע יונגעלייט זיינען אַוועק אין דער אַרמיי, אין דער מלחמה קעגן היטלערן. גלייכצייטיק איז אַנטוויקלט געוואָרן אַן אינטענסיווע זאַמל־אַרבעט פאַר דער ביבליאָטעק און אַרכיוו. סוף 1942 האָט דער ייווא זיך אַריבערגעקליבן אין זיין אייגן הויז אין אַקאַדעמישן קוואַרטאַל אין ניו יאָרק, וואָס ער פאַרנעמט ביז איצט. דאָס איז געווען, אַזוי צו זאָגן, דער אויפבוי־פּעריאָד פון ייווא אין אַמעריקע.

עס איז דאָ נישט דאָס אָרט אָפּצושטעלן זיך בפרטיות אויף דער אַנטוויק־לונג פון ייווא אין לויף פון די קנאַפּע 15 יאָר פון זיין עקזיסטענץ אין אמעריקע און אויף די פאַרשיידענע פּראָבלעמען וואָס ער האָט אין דער אַרבעט אָנגע־טראָפן. עס איז גענוג דאָ אויסצורעכענען וואָס ער האָט אויפגעטאָן, כדי זיך אָפּצוגעבן אַ דין וחשבון וואָס ער האָט אין משך פון דער צייט געטאָן, איז אָט: די ייווא ביבליאָטעק ציילט איצט 160,000 בענד (אין דעם גייען אַריין 35,000 בענד וואָס זיינען אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פון דער ווילנער ייווא ביבליאָטעק און וואָס זיינען — מיט גרויס מי און האָרעוואַניע — אַריבערגעבראַכט געוואָרן צום ייווא אין אַמעריקע). דאָס איז אין כמות איינע פון די גרעסטע יידישע ביבליאָטעקן אויף דער גאָרער וועלט, און אין איכות צייכנט זי זיך אויס מיט אַ זעלטן רייכער קאָלעקציע פון יידישער פּרעסע און פון יידישער ליטעראַטור אין די לעצטע 150 יאָר. דער ייווא אַרכיוו ציילט איבער 2,000,000 איינסן (אין דעם גייען אַריין בערך 40,000 טעקעס וואָס זיינען אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פון ווילנער ייווא אַרכיוו). דאָרט וועט איר געפינען מאַטעריאַלן וועגן יידן אין די פאַרוואָרפנסטע ווינקעלעך, אָבער באַזונדער צייכנט זיך אויס דער אַרכיוו מיט די גרויסע און וואָגיקע קאָלעקציעס פון יידישן חורבן אין אייראָפּע, פון יידישן גייסטיקן לעבן אין מזרח־אייראָפּע אין משך פון צוויי יאָרהונדערטער פאַרן לעצטן חורבן, פון לעבן פון דער שארית־הפליטה אד"גל. אין פרט פון פּוב־ליקאַציעס האָט דער ייווא אין אַמעריקע אין משך פון 13 יאָר (1941־אָנהייב 1944) פאַרעפנטלעכט 134 בענד ביכער און צייטשריפטן מיט איבער 21,000 דרוק־זייטן.

אין פרט פון אינהאַלט זיינען, פאַרשטייט זיך, אין דער אַרבעט פון ייווא פאָרגעקומען וויכטיקע שינויים. דאָס יידישע אַמעריקע האָט פאַרנומען אַ סך אַ גרעסער אָרט אין דער פאָרש־טעטיקייט פון ייווא ווי פריער. שוין אין 1941 האָט דער ייווא — אויף דער איניציאַטיוו פון א. טשעריקאָווער און אונטער זיין רעדאַקציע — זיך גענומען צו באַאַרבעטן אין אַ גרויסן פאַרנעם די גע־שיכטע פון דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן. די ערשטע צוויי בענד פון דעם פּראָיעקטירטן זעקס־בענדיקן ווערק זיינען אַרויס אין 1943 און 1944 (דער צווייטער — שוין נאָכן טויט פון רעדאַקטאָר) און זיי זיינען דערגאַנגען ביזן יאָר 1890. די אַרבעט איז צייטווייליק אָפּגעשטעלט

געוואָרן צוליבן טויט פון רעדאַקטאָר און צוליב דוחק אין מיטלען. פאַראַן איז די אַרבעט אַרום דער דאָזיקער געשיכטע, וואָס וועט אַרויס אין צוויי אויס־גאַבעס — אַ יידישער און אַן ענגלישער — צוריק באַנייט געוואָרן. עס איז שוין צוגעגרייט געוואָרן צום דרוק דער ערשטער ענגלישער באַנד (וואָס איז אַ פאַר־קירצטע איבערזעצונג פון די ערשטע צוויי בענד אין יידיש) און עס זיינען שוין אין דער אַרבעט די רעשט דריי בענד.

דער באַנד „ייוואָ־בלעטער" און דער באַנד „ייוואָ־עניועל" פון 1954 זיינען אין גאַנצן אָפּגעגעבן אויף שטודיעס צו דער געשיכטע פון יידן אין אַמעריקע. אָבער אַ חוץ וויסנשאַפטלעכע פּובליקאַציעס פאַרנעמט זיך דער ייוואָ זייער אינטענסיוו מיט קלייבן מקורים־מאַטעריאַלן וועגן יידיש לעבן אין אַמעריקע. די ביבליאָטעק האָט צוו. אַנד. אָנגעקליבן אַ גרויסע צאָל בענד פון דער עלטערער יידישער ליטעראַטור און פּרעסע אין אַמעריקע; דער אַרכיוו קלייבט כסדר פאַרשיידענע מאַטעריאַלן פון אַמעריקאַנער יידיש לעבן; צווישן זיי איז ווערט צו דערמאָנען די קאָלעקציע פון 300 אויטאָביאָגראַפיעס פון יידישע אימיגראַנטן וואָס דער ייוואָ האָט אויפגעקליבן דורך אַ קאָנטעסט; באַשרייבונגען פון זעכציק יידישע זעלנערס אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי וועגן זייערע איבערלעבונגען אין דער צווייטער וועלט־מלחמה אד"גל.

לסוף דאַרף דערמאָנט ווערן די גרויסע אַרבעט וואָס דער ייוואָ האָט לעצטנס אונטערגענומען, צוזאַמען מיט דער אינסטיטוציע „יד ושם" אין מדינת ישראל, צונויפצושטעלן אַ פולע חורבן־דאָקומענטאַציע, דהיינו: אַ פולע ביבליאָגראַפיע פון אַלע געדרוקטע זאַכן וועגן לעצטן חורבן; אַ פולן קאַטאַלאָג פון אַלע נישט־געדרוקטע דאָקומענטן וועגן חורבן, און אַ פּינקס מיט די געשיכטעס פון אַלע חרוב־געוואָרענע יידישע קהילות.

אין סך־הכל קען מען זאָגן, אַז דער ייוואָ האָט אין משך פון זיינע קנאַפע 15 יאָר עקזיסטענץ אין אַמעריקע צונויפגעזאַמלט אין זיין ביבליאָטעק און אַרכיוו אַזעלכע רייכע יידישע קולטור־אוצרות, וואָס זיי דאַרפן ווערן דער שטאָלץ פון אַמעריקאַנער יידנטום. און מיט זיינע וויסנשאַפטלעכע פּובליקאַציעס האָט דער ייוואָ זיך שוין פון לאַנג קונה־שם געווען ווי די פירנדיקע יידישע וויסנ־שאַפטלעכע אינסטיטוציע אין די תפוצות ישראל.

---

## באַמערקונגען צו דער געשיכטע פון דעם „ייוואָ" אין לאָס אַנגעלעס

### פון יצחקי

נאָך בימי ווילנע, מיט אַן ערך 29 יאָר צוריק, איז לאָס אַנגעלעס געווען, און געבליבן עד היום, איינער פון די וויכטיקסטע שטיצפונקטן וואָס דער „ייוואָ" פאַרמאָגט אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

דער ערשטער דירעקטער שליח פון ווילנער אינסטיטוט, קיין לאָס אַנגע־לעס, איז געווען זלמן רייזן ע"ה. געקומען איז ער אַהער אין 1930 און אַוועק־געלייגט דעם יסוד פאַר די קומענדיקע ייוואָ אַקציעס: ער האָט דאַן פאַררע־גיסטרירט אַ צאָל קולטור טוערס אין ל. א., וועלכע זיינען עד היום פאַרבליבן

די וואַרמעסטע אונטערשטיצער פון דעם ייווא. זינט דאַן איז כמעט יעדן יאָר צו אונדז געקומען אַ חשוב׳ער שליח אין די אינטערעסן פון יידישן וויסנשאַפט־לעכן אינסטיטוט, כדי באַהילפיק זיין אין דער אָרגאַניזירונג און אָנפירונג מיט די ייווא אַקציעס דאָ אין שטאַט.

צו יענער צייט, אין די בראשית־טעג פון ייווא, האָבן מיר קיין גרויסן קולטור עולם אין ל. א. ניט געהאַט. אָבער די יידישע אינטעליגענץ, וואָס האָט זיך דאָ געפונען אין שטאַט, האָט געהאַט אַ שטאַרקן גלויבן אין דער יידישער קולטור און האָט אין דעם ייווא געזען אַ סימבאָל פון יידישן קיום און המשך. די יידישע קולטור טוערס האָבן דעריבער פאַרגעזעצט זייער אַרבעט לטובת דעם ייווא, ניט געקוקט אויף די קליינע מיטלען וואָס זיי האָבן דאָ געהאַט אין זייער רשות.

למען היסטאָרישע דאַטא און אינפאָרמאַציע, זאָל דאָ דערמאָנט ווערן די היגע פּיאָנערן טוערס פון ייווא: די פאַרשטאָרבענע ע״ה דר. בלאָס, דר. אָסטראָוו־סקי, ה. גאָלד, י. שטיינבערג, אהרן שאפּירא, פּיטער קאהן, יודל לעוויט, ש. נאומאָוו און, זיי צו לאַנגע יאָר: חיים שאפּירא, י. ווייסשטיין, ה. רויזענבלאַט, י. פרידלאַנד, י. מאַקאָווסקי, ש. בריינין, שרה און פּיני גאַנז, יוסף פּאַניטץ, ב. ווינער, י. גארין, דר. זאלצמאַן, ס. קאַרפמאַן, ה. ראטבלאַט, אסתר אַפּטייקער, י. טיליס, ש. מילער, ט. בֿרייס, א. אַ.

אין דעם ערשטן צענדליק יאָר פון דער גרינדונג פון ייווא, האָבן די איני־ציאַטיוו אין די ייווא אַקציעס גענומען דער ל. א. יידישער קולטור קלוב און אַ צאָל יחידים. אין דעם צווייטן צענדליק יאָר, זינט 1940 איז דער אומדערמיד־לעכער קולטור עסקן, מענדל עלקין געוואָרן כ:מעט דער יערלעכער שליח פון דעם ייווא אין ל. א. דורך זיין ענערגישער ארבעט און מיט דער הילף פון די היגע קולטור טוערס, איז די טואונג לטובת דעם ייווא פאַרברייטערט און פאַר־טיפט געוואָרן. דער קרייז אַרום דעם ייווא איז שטארק אויסגעוואַקסן און די יערלעכע קאָנפערענצן האָבן אָנגענומען אַ גרעסערן פאַרנעם. עס האָבן גענומען אנטייל אַזעלכע וויכטיקע אָרג., ווי: דער ארב. רינג, דער נאַצ. אר. פאַרבאַנד, דער יידישער קולטור קלוב, דער קאָנסול פון די פרויען לייען־קרייזן־ פועלי־ציון, פּיאָנערן־פרויען, די בעקער יוניאָן, די יוניאָנס פון דער קליידער אינדוסטרי און אַנדערע.

פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר זיינען צוגעקומען אַ צאָל חשובע אַקטיווע קולטור עסקנים פון אַנדערע שטעט, ווי: מ. האלצמאַן, א. ראבין, מ. הארעליק, ר. פלאפּקין, ס. רובין, ל. מעלצער, באַראַנאַווסקי, חוה און מאיר דראזד, ליזע און ווילי שאַר, משה קאפּלאַן, זלמן זילבערצווייג, א. א. אַ דאַנק דעם ענערגיש איבערגעגעבענעם עקז. סעקרעטאַר פון היגן ייווא, שלמה האַכבערג, איז די לעצטע פאַר יאָר געגרינדעט געוואָרן אַ ייווא קרייז פון יונגע מענער און פרויען און אַ ייווא פרויען קלוב; ביידע גרופּן זיינען וויכטיקע בייטראַגן צום ל. א. ייווא קאָמיטעט.

דער ייווא אין ל. א. איז איצט מער ווי אַ געלט זאַמלונג אָרגאַניזאַציע: ביי יעדער ייווא קאָנפערענץ ווערן אָפּגעהאַלטן וויכטיקע וויסנשאַפטלעכע רעפעראַטן, און אין משך פון יאָר ווערן דורכגעפירט אַ צאָל סעמינאַרן, קולטור אָוונטן פון אַ הויכער ניווא.

# מכח 300 יאָר יידיש לעבן אין אַמעריקע

## פון בען צוקערמאַן

### א

יידישע היסטאָריקער וואָס וועלן פאָרשן די 300 יאָר יידיש לעבן אין אַמעריקע, וועלן אָן ספק האָבן פאַר זיך אַ גרויסן אוצר פון ווערטפולע מאַטעריאַלן וואָס וועלן דערציילן פון יידישן ביישטייער ניט נאָר צו אונדזער אייגענעם פּראָגרעס, נאָר אויך צו דעם אַלגעמיינעם פּראָגרעס אויף אַלע געביטן פון אמעריקאַנער לעבן.

איך בין זיכער ניט באַרופן פאַר אַזאַ פאַרצווייגטע אַרבעט, אָבער איך וויל מיט מיין באַגרעניצטער אָפּהאַנדלונג מאַכן אייניקע באַמערקונגען לכבוד דער אָפּגעשלאָסענער תקופה פון 300 יאָר.

דער עיקר ווילט זיך אַריינבליקן, אויב מעגלעך, אין דער קומענדער תקופה וואָס וועט געוויס אויספורעמען אונדזער גייסטיקן פּרצוף. די סיבות זיינען פאַרשטענדלעכע.

די ערשטע תקופה איז ניט געווען מסוגל צו אַנטוויקלען די גייסטיקע פיזיאָנאָמיע פון אמעריקאַנער יידנטום. די אַזוי־גערופענע אימיגראַציע־שטראָמען פון פאַרשיידענע עלעמענטן, פאַרשיידענע קולטורן פון פאַרשיידענע לענדער, האָבן געהאַלטן דעם וואַקסנדן יידישן קיבוץ אין אַ צעשוואומענעם צושטאַנד. דאָס האָט אונמעגלעך געמאַכט איינצושטעלן אַן איינהייטלעכן לעבנס שטייגער.

---

די טעטיקייט פון דעם ייווא קאָמיטעט אין ל. א. איז זינט לעצטן יאָר אויסגעברייטערט געוואָרן מחוץ די גרעניצן פון ל. א. ש. האכבערג האָט געמאַכט אַ טור איבער אַ צאָל שטעט: סאַן דיעגא, טיאַוואַנא (מעסיקאַ), עלסינאָר, פרעזנא, סאַן פראַנציסקאָ, אוקלענד, בוירקלי, פּעטאַלומאַ, אויך מעקסיקאַ סיטי.

צו די דערפענונגען פון די ייווא קאָנפערענצן אין ל. א. קומט זיך צוזאַמען אַ גרויסער יידישער עולם; און די זיצונגען פון די קאָנפערענצן, זיינען ס׳רוב פאַרטראָטן פון העכער 100 דעלעגאַטן דורך אַן ערך 50 אָרגאַניזאַציעס.

דער ייוואָ ווי אַן איבערפּאַרטייאישע אָרג. האָט געוויזן דעם וועג, ווי אַזוי ס׳איז מעגלעך צו פאַראייניקן יידישע פאָלקס אָרג. פון כלערליי ריכטונגען אין יידישן לעבן, פאַר איין גרויסער קולטור־שעפערישער אַרבעט.

זאָל דאָ אויך פאַרצייכנט ווערן אַ פאַרדריסלעכע דערשיינונג, וואָס האָט אַ שייכות צו דעם ייווא. דער היגער „וועלפער" האָט פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר געפונען פאַר מעגלעך לחלוטין אָפּצושניידן וועלכע עס איז סובווענציע צו דעם ייווא. זיכער איז עס אַן עוולה, וואָס איז ניט צו פאַרגעבן און וואָס האָט קיין שום מאָראַלישע אָדער געזעלשאַפטלעכע באַרעכטיקונג ניט. מען האָט פון אַ פירערשאַפט פון אַזאַ גרויסער יידישער קהילה געמעגט דערוואַרטן אַ גרעסערע פאַרשטענדעניש און טיפערן אינטערעס פאַר יידישע קולטור ווערטן. דאָס באַווייזט נאָך אַמאָל אַז מיר, די יידישע יידן, דאַרפן שטיין אויף דער וואַך און נישט מיד ווערן פאָדערן אַ בעסערע באַציאונג צו אַזאַ וויכטיקער אינסטיטוציע ווי דער ייוואָ.

אַחוץ דעם האָבן פאַרשיידענע פאַקטאָרן גורם געווען אַז עס זאָל ניט געשאַפן ווערן קיין קאָלעקטיווער גייסטיקער פּרצוף. ווייל יעדע כוואַליע פון איינוואַנדערער איז געווען אַ פּועל־יוצא פון רדיפות מעבר לים.

די פאַרגאַנגענהייט און דער שווערער לעבנס געראַנגל אין דער נייער היים, האָט אויסגעשעפּט אַלע ענערגיעס פון די ערשטע דורות, אַזוי אַז עס איז פאַרבליבן ווינציק כוחות פאַר נאַציאָנאַלע קולטור באַדערפעניש. די חיי־שעה האָט פאַרשלונגען חיי־עולם. דעריבער זיינען די ערשטע דורות אַרומגעגאַנגען, אָדער האָבן געבלאָנדזשעט ווי שאָף אָן אַ פּאַסטוך. די אינ־טעלעקטועלע קרעפטן, סיי די רעליגיעזע, סיי די פּראָגרעסיווע, זיינען ניט מיטגעגאַנגען מיט די מיליאָנען וואַנדערער, אַ זייער טרויעריקע דערשיינונג וואָס איז נאָך, לויט דער באַהויפּטונג פון דר. שמעון פעדערבוש, ניט געהעריק אָפּגעשאַצט געוואָרן.

ווי דר. פעדערבוש ווייזט אָן אין זיין באַריכט צו דעם יידישן וועלט־קאָנגרעס, איז נאָר אַ דאַנק דעם אינערלעכן מאָראַלישן כח, וואָס די מייסטע אימיגראַנטן האָבן מיטגעבראַכט פון די טראַדיציאָנעלע יידישע היימען, זיינען זיי ניט אינגאַנצן פאַרלוירן געגאַנגען פאַרן יידישן כלל, אין אַ סביבה וואו עס האָט געבושעוועט די אַסימילאַציע פון רעכטס און פון לינקס.

דער געזונטער נאַציאָנאַלער אינסטינקט ביי די יידישע מאַסן, האָט אַ סך געהאָלפן צו באַשאַפן ריזיקע אינסטיטוציעס און גאָר גרויסע אָרגאַניזאַציעס, וואָס ווירקן היינט צו טאָג דאָ ביי אונדז אין אַמעריקע, טראָץ די שטערונגען פון אַ טייל אַזוי גערופענע פירערס פון רעכטס און פון לינקס.

די יידישע מאַסן האָבן זיך באמת אויפגעהויבן העכער פון זייערע פירער, בנוגע יידישן רענעסאַנס. אַזוי אַרום איז די ערשטע צייט געווען די תקופה פון רעטונג פון פיזישן אומקום און פון עקאָנאָמישער אויסוואָרצלונג.

ערשט די צווייטע תקופה, וואָס הייבט זיך אָן, איז זייער אַ גינסטיקע תקופה, אַ תקופה צו אַנטוויקלען דעם גייסטיקן כאַראַקטער פון אָט דעם־היינט גרעסטן ישוב פון אונדזער פאָלק.

## ב

קיין שום יידישער קיבוץ אין חוץ לארץ, האָט אין משך פון אונדזער היסטאָריע ניט געהאַט אַזעלכע גרויסע מעגלעכקייטן פאַר פרייער גייסטיקער אַנטוויקלונג, ווי דאָס אמעריקאנער יידנטום.

מיר דאָ אין אמעריקע האָבן ניט קיין לעגאַלן אָדער געזעלשאַפטלעכן שטער צו שאַפן אַ פול יידיש לעבן. דער ניט־יידישער אַרום האָט זיכער ניט קיין פּאַראיבל ווען מיר דערציען אונדזערע קינדער אין אייגענע טאָג־שולן און אפילו אייגענע אוניווערסיטעטן. מיר קאָנען דאָ פריי אויפבויען אונדזער לעבן לויט גרויסע יידישע טראַדיציעס.

מיר קאָנען, ווען מיר זאָלן האָבן דעם ווילן, איינפירן יידיש אָדער העב־רעאיש, אַלס אונדזער אינערלעכע אומגאַנגס שפּראַך. מיר וואָלט געקאָנט אַנט־וויקלען אַ בליענדע יידישע ליטעראַטור און בכלל שאַפן אַ רייכן קולטור לעבן.

אָט די אומבאַשרענקטע מעגלעכקייטן, שטעלן צו אַ גרויסן נסיון דאָס

אַמעריקאַנער יידנטום. מיר זיינען ביכולת מיט דער צייט צו אַנטוויקלען אין דער קומענדער תקופה, אַ גרויסן יידישן קולטור צענטער ענלעך צו דעם אַמאָליקן שעפערישן תורה־צענטער פון גלות בבל.

דאָס אַמעריקאַנער יידנטום קאָן איבערנעמען די גייסטיקע פירערשאַפט פון כמעט אַלע תפוצות און אויסשמידן אַ נאַציאָנאַלן און קולטורעלן בונד צווישן ארץ ישראל און חוץ לארץ.

מיר האָבן אין אַלע צייטן באַוויזן אויפצוהיטן מענטשלעכע חשיבות און גייסטיקן יחוס בשעת גרויזאַמע רדיפות פון דרויסן. אין די ערגסטע צייטן האָבן מיר פאַרוואַנדלט אונדזערע פאַרעלטערטע געטאָס אין ליכטיקע פעסטונגען פון גלויבן און נאַציאָנאַלער דערהויבונג. פון די אָפּגרונטן פון מיטל־אַלטערלעכן פינצטערניש און שנאה, האָבן יידישע ישובים אַרויסגעשטראַלט מיט נאָבעלע געשטאַלטן, מיט גאונים און צדיקים, וועלט באַרימטע דענקער און דיכטער. מיר זיינען בייגעשטאַנען אַלע נסיונות, מיר האָבן אָבער זעלטן באַוויזן אויפצוהיטן אונדזער יידישע טריישאַפט דעמאָלט, ווען דער דרוק פון דרויסן האָט אויפגעהערט.

אין די גוטע צייטן, איז אָפט דער יידישער צובונד שוואַכער געוואָרן. דער עבדות בתוך חרות, ווי אחד־העם האָט עס אָנגערופן, די קנעכטישע זעלבסט־פאַרלייקענונג, דער ביליקער געיעג צו אַסימילאַציע, אין דער צייט פון דער עמאַנציפּאַציע אין אייראָפּע, האָט דאָס בולט דערוויזן.

ג

גליקלעכערווייז איז אונדז אין אַמעריקע געגעבן געוואָרן די זעלטענע געלעגנהייט צו באַווייזן, אַז עס איז מעגלעך צו שאַפן אַן אינהאַלטספול יידיש לעבן אויך אין אַ פרייער דעמאָקראַטישער לאַנד. דאָס באַווייזט אַז יידישקייט איז ניט קיין רעזולטאַט פון געצוואונגענער אָפּגעזונדערטקייט, נאָר אַ פועל־יוצא פון פרייוויליקער צוגעבונדנקייט.

עס וועט זיין אַ גרויסער היסטאָרישער זכות, ווען מיר וועלן זיין שעפעריש־טריי צום יידנטום אינמיטן פון אַן עמאַנציפּירטער וועלט. דאָס וועט זיין אַ יידישקייט אויפגעבויט דורך פרייען ווילן, דורך איבערגעגעבענער ליבשאַפט צו דער אייגענער קולטור.

ווען מיר וועלן אויפשטעלן אונדזערע לערנהייזער אין אַמעריקע, וועט עס ניט זיין דערפאַר ווייל אונדזערע קינדער ווערן ניט צוגעלאָזן צו ניט־יידישע שולן, נאָר דערפאַר ווייל מיר ווילן איבערגעבן אונדזער גרויסע, גייסטיקע ירושה צום קומענדן דור.

דאָס וועט ניט זיין קיין ווידערהאָלונג פון דער השכלה־עפּאָכע וואָס אירע פירער האָבן באַטאָנט אַז זיי שרייבן העברעאיש, ווייל צום באַדויערן פאַרשטייט ניט דאָס פאָלק די לאַנדס־שפּראַך, דאָס וועט ניט זיין קיין גלות־ברירה, דאָס וועט אויך ניט זיין די יידישע אינטעליגענץ פון אַמאָל, וואָס איז צוריקגע־קומען צום יידנטום ערשט נאָכדעם, ווי זי האָט זיך ביטער אַנטוישט אין דער ניט־יידישער געזעלשאַפט. די מאָטיוון פון אַ שטאַרקן יידנטום אין אַמעריקע

# פּיאָנערן פון פּראָגרעסיוון געדאַנק אין לאָס אַנגעלעס

## פון יוד לאַמעד

די פּראָגרעסיווע באַוועגונג ביי דעם פּאַסיפישן ברעג האָט זיך דאָ אָנ־געהויבן מיט אַן ערך פיר צענדליק יאָר צוריק.

צווישן די פּיאָנערן דאַרפן דערמאָנט ווערן יודל לעוויט, וועלכער איז שוין דאָ געווען אין 1910. ער האָט געהאָלפן גרינדן אַרבעטער רינג צווייגן, דעם סאַניטאַריום, די א. ר. שולן, און די לעצטע יאָרן האָט ער אויך געהאַט גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער הסתדרות און דער ייוואָ.

---

זינט 1908 איז דאָ געווען גאָר אַקטיוו אהרן שאפּיראָ, ביי דעם סאַניטאַר־יום, אַרבעטער רינג, פּיפּלס רעליף, קינדער שולן, קרן היסוד, יידישער לעגיאָן.

---

אַ ליידנשאַפטלעכער קולטור טוער איז געווען דר. לעאָ בלעס. די יידישע פּרעסע, דאָס יידישע בוך, דער אַרבעטער ציוניזם און קולטור אין אַלע פאַזן, האָבן געהאַט זיין פולע אונטערשטיצונג.

---

פּיטער מ. קאהן ווערט היינטיקן יאָר פאַראייביקט דורך דער „קאַמיוניטי קאָנסיל" ביבליאָטעק, פאַר זיינע פאַרדינסטן און ביישטייער צו דער יידישער קולטור, דערציאונג און פאַר אַ בעסערער פאַרשטענדעניש און טאָלעראַנץ צווישן די פאַרשיידענע יידישע פּראַקציעס אין לאָס אנגעלעס.

---

אַ בן־יחיד־מיליאָנער, מיטן פּנים צו דעם אַרבעטער קלאַס איז געווען

---

וועלן מוזן זיין ריינע, נאָבעלע, אַנדערש וועט עס קיין קיום ניט האָבן. אַנדערש וועט דער ארום אַלעס פאַרשלינגען.

אַזאַ דערוואַכטע ליבשאַפט מוז קומען צום אויסדרוק אין „יהדות פון סיני", ביז דעם נס פון אויפקום פון מדינת ישראל.

נאָר אויף אַזאַ אופן קען דער יום־טוב פון 300 יאָר יידישער ישוב אין אַמעריקע ווערן אַ ווענד־פונקט אין אונדזער לאַנגער גלות געשיכטע.

דער פרייער אמעריקאנער יידישער קיבוץ האָט גרויסע מעגלעכקייטן, אפשר די גרעסטע, וואָס עס איז אַמאָל געגעבן געוואָרן יידן אין חוץ־לארץ. דאָס איז דאָס ערשטע מאָל אין אונדזער היסטאָריע וואָס אין איין לאַנד איז פאַראַן אַזאַ גרויסע יידישע קאָנצענטרירטע באַפעלקערונג, כן ירבו, מיט אַזאַ ריזיקן גייסטיקן און מאַטעריעלן פּאָטענץ, וואָס איז אַזוי פריי צו אַנטוויקלען דעם אייגענעם מהות.

די יידישע געשיכטע האָט אונדז, אַמעריקאנער יידן אַוועקגעשטעלט פאַר אַ גרויסן נסיון אויף דער שוועל פון אַ נייער תקופה.

וועלן מיר ביישטיין דעם נסיון?

דער ענטפער ליגט אין אונדזערע אייגענע הענט!

פינחס קארל, מיט אַ סך ליבע און באַציאונג צו יידישער קולטור און צו דעם פּראָגרעסיוון געדאַנק.

---

אַ פּיאָנער וואָס האָט אויך אַ סך בייגעטראָגן צו דער יידישער פּרעסע, צו דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג, צו די קינדער שולן, איז געווען י. ש. נאַאומאָוו. זיין אַרבעט איבער דער יידישער פּרעסע, ווערט פאַרעפנטלעכט אין דעם 5טן נומער „חשבון".

---

הערי שער האָט דאָ זינט 1910 אינספּירירט די יידישע אַרבעטער באַוועגונג, דעם סאַניטאַריום, די א. ר. שולן, די הסתדרות און די ייוואָ. נאָך זיין טויט האָט אַ קאָמיטעט אַרויסגעגעבן זיין בוך (הערי שער פאַמיליען־בוך), רעדאַקטירט פון הערי לאַנג.

---

די פועלי ציון באַוועגונג האָט דאָ געהאַט אַ צאָל פּיאָנערן וועמענס נאָמען עס דאַרפן דערמאָנט ווערן בכבוד גדול:

נייטען רעידער, געצל וויינער, נייטען פּעסין, אברהם בארמאַק, חיים מאַרגאָלין. דאָס זיינען געווען אמתע פּיאָנערן, אידעאַליסטן. רעידער, וויינער און מארגאָלין זיינען געווען פון די וועטעראַנען אין דער ציוניסטישער ארבעטער באַוועגונג. פּעסין און בארמאַק האָבן אין די שפּעטערדיקע יאָרן די ארבעט פאָרטגעזעצט ארום דעם אינסטיטוט פאַר יידישער דערציאונג, און אין אַלע צווייגן פון דער ציוניסטישער ארבעטער באַוועגונג.

---

מ. מ. דאַליצקי, איינער פון די עלטסטע יידישע דיכטער פון פריערדיקן דור, האָט זיינע לעצטע יאָרן פאַרענדיקט אין לאָס אנגעלעס, געווען אַ מיט־אַרבעטער אין „זונלאַנד", אין דער „קאַליפ. יידישער שטימע", האָט זיך ביז צום סוף באַטייליקט אין דער נויאָרקער יידישער פּרעסע.

---

ראובן לודוויג, איינער פון דער גרופּע „אינזיכיסטן", אַ חבר פון יעקב גלאַטשטיין, א. לעיעלעס, נ. מינקאָוו, איז דאָ געווען אַ תושב אין די צוואַנציקער יאָרן, איז פּריצייטיק דאָ אַוועק פון דער וועלט, אַ קרבן פון שווינדזוכט. נאָך זיין טויט האָבן קאָלעגן אַרויסגעגעבן זיינע אַ זאַמלונג לידער.

---

נאָך אַ קרבן פון דער ווייסער פּלאָג איז געווען ל. מאַטעס (לוניאַנסקי), איז פריער יאָרנלאַנג געווען אַ פּאַציענט אין דענווער סאַניטאַריום. די לעצטע יאָרן האָט ער פאַרבראַכט אין דער „שטאָט פון האָפנונג". אויך מאַטעס האָט איבערגעלאָזן אַ פּאָר ביכער לידער.

---

דר. וועלוול אָסטראָווסקי האָט אַ סך בייגעשטייערט צו יידישער דערציאונג איבער דריי צענדליק יאָר. די לעצטע יאָרן האָט ער זיך שטאַרק אָפּגעגעבן מיט דער ייוואָ, איז אויך פריער געווען אַ פאָרזיצער און טוער אין ל. א. יידישן קולטור קלוב. ער האָט איבערגעלאָזט אַ ווערק, „דאָס געשלעכט

לעבן פון דער פרוי". ער פאַרנעמט אַ וויכטיק אָרט אין דעם בוך „טויזנט יאָר פינסק".

---

ישראל אָסמאַן האָט פאַרנומען אַ בכבודיק אָרט אין דער שרייבער משפחה, האָט פאַרעפנטלעכט אַ בוך „נסיונות", חסידישע מעשיות אַלאַ פרץ, איז אַלע יאָרן געווען פאָרשטייער פון נויאָרקער „טאָג" ביי דעם פּאַסיפיק.

---

דער בראָנזווילער סטאָליאַר (ב. גרינפילד), האָט זיינע לעצטע יאָרן פאַר־ענדיקט אין ל. א., האָט זיך דאָ שטאַרק באַליבט געמאַכט אין די פּראָגרעסיווע קרייזן. ער האָט איבערגעלאָזט אַ בוך „הובל־שפּענער", ביאָגראַפישע מעשיות און פיינע פעליטאָנען.

---

אברהם שאָמער, אַ זון פון דעם באַרימטן נ. מ. שייקעוויטש, שמ"ר, האָט דאָ געלעבט צווישן 1929 ביז זיין סוף אין 1949. שאָמער איז געווען דער פּאַ־טער פון יידישן קאָנגרעס, אַ פיינער דראַמאַטורג אויף דער יידישער און ענגלישער בינע. ער האָט דאָ איבערגעלאָזט אַ שוועסטער, די באַקאַנטע שריפט־שטעלערין ראָז־שאָמער באַטשעליס.

---

דוד גיסנעט איז דאָ געווען אַ פּיאָנער אין אָנהייב פון יאָרהונדערט, האָט שפּעטער איבערגעצויגן אין סאַן פראַנציסקאָ, דערנאָך צוריקגעקומען אַהער. איז געווען פאַרבונדן מיט דער פאָלק־שולע אויף סאָטאָ גאַס, אויך אַ שטיקל צייט מיט דער „קאַליפאָרניער יידישער שטימע".

---

בען אויגוסט האָט יאָרנלאַנג געוואוינט אין סאַן פראַנציסקאָ, אין די דריי־סיקער יאָרן האָט ער זיך באַזעצט אין ל. א. איז אַ קורצע צייט געווען פאַרבונדן מיט דעם „פאָרווערטס" אין נויאָרק, אַלס קאָרעספּאָנדענט, אויך מיט דער „קאַלי־פאָרניער יידישער שטימע".

---

ה. גאָלד (גאָלדאָווסקי), אַוועק יונג פון דער וועלט, האָט זיך געדרוקט אין „יידישן קעמפער", די „צייט", „אויפגאַנג" און „זונלאַנד", האָט רעדאַק־טירט דאָס א. רייזען זאַמלבוך. אין ל. א. האָט איבערגעלאָזט אין בוכפאָרם „פּריירי־לאַנד", „זינגט אַ וועלט", און „ליכט און גלויבן". האָט אויך מיטרע־דאַקטירט די שריפטן „פּאַסיפיק" און „אונדזער וואָרט".

---

לעאָן בלאַנק האָט געמאַכט אַ פאַרזוך צוויי מאָל אַרויסצוגעבן יידישע צייטונגען.ביידע פאַרזוכן האָבן זיך ניט איינגעגעבן.

---

מאַקס שערמאַן, געקומען אַהער פון פּאָרטלאַנד, אָרעגאָן, האָט געדרוקט לידער אין „פ. א. ש.", „קענעדער אָדלער", „קאַליפ. יידישע שטימע" און אונ־טער דער אָנפירונג פון בראָנזווילער סטאָליאַר האָט זיך דאָ געגרינדעט אַ מאַקס שערמאַן בוך קאָמיטעט און מיט דער הילף פון ישראל אָסמאַן, און צו לענגערע יאָר, דער דיכטער ה. רויזענבלאַט און א. באַביטש איז דערשינען אַ בוך לידער פון מאַקס שערמאַן.

ווי פריינט יוסף טיליס גיט איבער, איז דאָס בוך דערשינען אין 1934. אין 1936 איז ער אַוועק פון דער וועלט אין עלטער פון 58 יאָר.

---

לעאָן ס. ראָגען, איינער פון די רעדאַקטאָרן פון דער „קאַליפ. יידישע שטימע", האָט מיטגעאַרבעט אין „קונדס" און אין אַנדערע צייטשריפטן. אַוועק פון דער וועלט אין 1948.

---

צום שלוס דאַרף מען דערמאַנען צוויי פון אונדזערע וועלט-באַרימטע שריפטשטעלער, וואָס האָבן דאָ אויסגעלעבט זייערע לעצטע יאָרן, פרץ הירש-ביין און לאַמער שאַפּירא. הירשביין ווי שאַפּירא (זע לעקסיקאָן פון דער יידי-שער ליטעראַטור) זיינען באַרימט געוואָרן אַ סך פריער איידער זיי האָבן גע-מאַכט זייער היים אין לאָס אַנגעלעס.

אָבער די לאָס אַנגעלעסער יידישע שרייבער, ווי דער אינטעליגענטער לייענער, האָבן אַלעמאָל זיך באַצויגן צו די דערמאָנטע קלאַסיקער מיט יראת הכבוד, מיט חשיבות, שעצנדיק זייער גרויסן צושטייער צו אונדזער יידישער ליטעראַטור און צו אונדזער קולטור.

אוודאי וואָלט מען וועגן אַ סך פון די דערמאָנטע שריפטשטעלער געקאָנט גאָר אַ סך זאָגן, אָבער צום באַדויערן זיינען מיר באַשרענקט אין פּלאַץ. און מיר האָבן זיך געמוזט באַנוגענען מיט בלויז אַ דערמאָנונג וועגן די פּיאָנערן פון דעם פּראָגרעסיוון געדאַנק און באַטייליקטע אין דער יידישער פּרעסע און ליטעראַטור.

---

לאה קאַפּילאָוויטש-האָפמאַן, אַ באַדייטנדע דיכטערין פאַר יידישע קינדער, האָט דאָ געוואוינט יאָרנלאַנג. צום באַדויערן איז זי די לעצטע יאָרן שוין ניט געווען ביי איר בעסטן געזונט.

---

יוסף שטיינבערג, איינער פון די באַדייטנדסטע יידישע פאָרלייענער, אַ טאַלאַנטפולער רעציטאַטאָר און אַ ליבהאָבער פון דער יידישער ליטעראַטור און קולטור, האָט דאָ געוואוינט אַן ערך אַ פערטל יאָרהונדערט. איז געווען אַ נאָ-ענטער מענטש אין ל. א. יידישן קולטור קלוב.

---

יוסף ראָזענפעלד. ביי ראָזענפעלדן איז דער קולטור קלוב געווען מער ווי זיין צווייטע היים. האָט פאַרמאָגט אַן אייגנאַרטיקן הומאָר, האָט פון צייט צו צייט אויך געשריבן פאַר לאָקאַלע צייטשריפטן, אָבער אַלעמאָל אָן פּרעטענציעס.

---

חיים גאָלדבלום, אַן אָנגעזעענער פּעדאַגאָג, מיט גרויסע פאַרדינסטן אויפן געביט פון יידישער דערציאונג און קולטור, האָט זיך אָפּגעגעבן מיט פאַר-שפּרייטן דאָס יידישע בוך, איז אויך געווען דער אויטאָר פון אַ בוך מעשיות פאַר יידישע קינדער, געווען עטלעכע יאָר סעקרעטאַר פון ל. א. יידישן קולטור קלוב. חיים גאָלדבלומס נאָמען ווי דער נאָמען פון פרץ הירשביין זיינען פאַר-אייביקט געוואָרן דורך די לייען קרייזן אין לאָס אַנגעלעס.

---

די לאָס אַנגעלעסער יידישע אינטעליגענץ האָט אין פאַרגאַנגענעם יאָר געליטן אַ מורא'דיקן פאַרלוסט דורך דעם טויט פון דעם יידישן געלערנטן און ביבלישן פאָרשער, חיים שויס.

שויס האָט גאָר אַ סך בייגעטראָגן צו אונדזער ליטעראַטור און קולטור און זיין אַוועקגיין פון דער וועלט האָט געלאָזן אַ טיפן בלויז און אונדז אַלעמען זייער שטאַרק פאַר׳יתומ׳ט.

דער פאַרשטאָרבענער איז געווען פאַררעכנט פאַר אַ גרויסן תלמוד־חכם און אַן אָריגינאַלן ביבל פאָרשער, חוץ דעם וואָס ער איז געווען אַן אָנגע־זעענער לעקטאָר און אַ לערער פאַר לערער.

חיים שויס האָט אָנגעהויבן שרייבן אין 1910, אין „לעבן און וויסנשאַפט". ער האָט דעבוטירט מיט אַן עסיי איבער „אליהו דער נביא פון בלוט און אייזן". ער האָט אַרויסגערופן באַוואונדערונג מיט אַ צווייטער אַרבעט איבער „עמוס, דער פאַסטוך און נביא", און זינט דאַן האָט שויס זיך וואָס ווייטער אַלץ מער פאַרטיפט אין זיינע אַרבעטן איבער יידישע ימים־טובים, ווי אויך מיט דער געשיכטס־פילאָזאָפיע פון אונדזערע נביאים.

(זע „לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור", פון זלמן רייזען.)

---

די יידישע קולטור האָט אויך געליטן אַ שווערן קלאַפּ דורך דעם טויט פון שלמה בערקאָוויטש, אַ באַוואוסטער פּעדאַגאָג, וועלכער האָט איבער דריי צענדליק יאָר אַ סך בייגעשטייערט צו אונדזער וועלטלעכן שול־וועזן און וואָס איז אויך אַלע יאָרן געווען אַן אַקטיווער טוער פאַר אונדזער וועלטלעכער שול־באַוועגונג און אויך פאַר דעם „ייוואָ".

בערקאָוויטש האָט דערצויגן ניט נאָר אַ דור תלמידים, אין וועמען ער האָט איינגעפלאַנצט אַ טיפע ליבע צו אונדזער יידיש, נאָר ער האָט אויך ביז דעם לעצטן טאָג פון זיין לעבן געווירקט דורך זיין השפעה פאַר אונדזער קיום און המשך.

אויך בערקאָוויטשעס טויט רופט אַרויס אַ סך צער. ער וועט אונדז אויס־פעלן אַרום דעם שול־וועזן און אין אונדזערע קולטור־קרייזן.

---

אַ דריטער וועמען מיר האָבן דאָ פאַרלוירן דאָס יאָר איז דער שריפט־שטעלער, משה מלמד. איינער פון די בעסערע בעלעטריסטן פאַר איבער דריי צענדליק יאָר, האָט יאָרנלאַנג זיך באַטייליקט אין אונדזער מאָדערנער שול־באַוועגונג.

אַלס שריפטשטעלער, שטייענדיק נאָענט ביי דער רעדאַקציע פון דער פילאַדעלפיער „יידישע וועלט", האָט ער אָנגעפירט וועכנטלעך מיט אַ קינדער־ווינקל, וואָס האָט אַ סך געהאָלפן באַפעסטיקן די קינדער־שולן, ווי אויך צו דערמוטיקן די לערער און שול־טוער.

מלמד האָט אויך פאַרמאָגט אַ סך ליבע פאַר דער נאַטור, איז געווען איי־נער פון די פּיאָנערן פון דעם יידישן דאָרף, און אַ מיטגליד פון דער קאָלאָניע אין קלאַריאָן, יוטא, און אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז ער אויך געווען אַ מיטגליד פון דער קאָלאָניע אין הייטסטאַון (שפּעטער באַוואוסט אַלס דאָס שטעטל „רוזוועלט"), אין ניו דזשוירזי.

מיט איבער אַ יאָר צוריק איז מלמד געקומען זיך דאָ באַזעצן. ער האָט גע׳חלומ׳ט דאָ געזונט צו ווערן און זיך אויסלעבן זיינע יאָרן אין דעם וואַרימען קלימאַט. דער טויט האָט געמאַכט אַ סוף צו דעם דאָזיקן חלום. עס איז אים שוין דאָ קיין נחת ניט באַשערט געווען, און זיין טויט האָט אַרויסגערופן טיפן טרויער אין די קולטור־קרייזן.

# 30 יאָר ציוניסטישע אַרבעטער באַוועגונג

## פון א. באביטש

די פאַרשיידענע גרופּן פון דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג, זיינען אַ פּראָדוקט פון אמעריקאַנער יידישן לעבן. זיי האָבן אַ גרויסן חלק אין די לעצטע 50־60 יאָר פון דער דערמאָנטער יידישער געשיכטע דאָ אין לאַנד.

די ציוניסטישע אַרבעטער באַוועגונג גייט איצט פּייערן 50 יאָר פון איר עקזיסטענץ.

איך וועל פּרובירן דאָ אין די שורות בקיצור אָנוואַרפן אייניקע ציפערן און פאַקטן פון דער ראָלע וואָס די ציוניסטישע אַרבעטער באַוועגונג האָט געשפּילט די לעצטע 40־50 יאָר דאָ אין קאַליפאָרניע, ספּעציעל אין לאָס אַנ־דזשעלעס, וואָס איז דער גרעסטער יידישער ישוב אויפן פּאַסיפיק.

די ציוניסטישע ארבעטער באַוועגונג איבערהויפּט דער פאַרבאַנד איז געווען פון די ערשטע יידישע אָרגאַניזאַציעס אויפצונעמען די פּראָבלעם פון יידישער דערציאונג. שוין אין יאָר 1912 איז דאָ אין לאָס אנדזשעלעס גע־עפנט געוואָרן די ערשטע נאַציאָנאַל ראַדיקאַלע שולע, אויפן זעלבן שטייגער ווי אין נויאָרק. אָבער אַזוי ווי איך הער אַז אין היינטיקן נומער „חשבון" זיינען דאָ אַ פּאָר ארטיקלען וועגן יידישער דערציאונג און דעם היגן שול־וועזן, געשריבן פון די חברים צורף און דר. ברידזשער,ביידע באַקאַנטע פּראָפּע־סיאָנאַלן פון דער היגער ביורא פאַר יידישער דערציאונג, בין איך זיכער אַז זיי וועלן אין זייערע אַרבעטן איינשליסן די ראָלע וואָס די ציוניסטישע אַר־בעטער באַוועגונג האָט געשפּילט אויפן געביט פון יידישער דערציאונג — וועל איך דעם פּונקט איבגאַנצן אויסלאָזן, פון מיינע היינטיקע באַמערקונגען.

איך וועל זיך אָפּשטעלן אויף דעם בייטראַג וואָס די ציוניסטישע ארבעטער באַוועגונג האָט געמאַכט צום היגן געזעלשאַפטלעכן לעבן בכלל.

קומענדן יאָר וועט די פּועלי ציון פּאַרטיי פּייערן איר 50 יאָריקע עקזיס־טענץ אין אַמעריקע.

חוץ די אָפיציעלע פּייערונגען וועלן דערשיינען 2 וואָגיקע ביכער, וואָס וועלן איבערגעבן די געשיכטע פון 50 יאָר ציוניסטישע ארבעטער באַוועגונג אין אמעריקע. די ביכער זיינען נאָך דערווייל ניט דערשינען און מיר קאָנען זיך נאָך דערווייל מיט יענעם מאַטעריאַל ניט באַנוצן. אָבער דאָס וואָס גייט אַריין אין יענע ביכער איז דאָך אַ טייל פון אונדזער היינט, פונם שפּרודלדיקן לעבן פון אָט דער באַוועגונג אינם אויפבוי פון ישראל און אין געבן אינהאַלט און אַן אידייע די יידישע מאַסן פון אַמעריקע.

אַז מען וויל איז 50 יאָר אַ גרויסער שפּאַן געשיכטע. איבערהויפּט רע־כענענדיק פון די אויפטואונגען און דערגרייכונגען וואָס קאָן פאַרשריבן ווערן פאַר אָט דער באַוועגונג. אָבער צוריקגעשמועסט, וואָס איז 50 יאָר? אָט דאָס אַלץ איז דאָך פאַרגעקומען פאַר אונדזערע אויגן; איז דאָך דער שרייבער פון די שורות געווען אַן עדות און אַן אנטייל־נעמער אין דאָס אַלץ וואָס איז פאַר־געקומען. אָט דרייען זיי זיך נאָך אַרום צווישן אונדז לעבעדיקע, די דאָזיקע

געשיכטע מאַכער, די צוקערמאַנס, העמלינס, בראַונס, סיגאַלס, באַנטשיקס, און אַנדערע דאָ אין אַמעריקע. און די בן גוריונס, בן צבי׳ס, שפּרינצאַקס, גאָלדע מאיערסאָנס, רובאַשאָוו און אַנדערע, אין ישראל.

זיי האַלטן דאָך נאָך אין מיטן דער אַרבעט. זיי האָבן דאָך נאָך ניט פאַר־ענדיקט זייער גרויס ווערק — מדינת ישראל.

דער אָנהויב פון דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג איז געווען די פועלי ציון פאַרטיי. אויפגעקומען איז די פאַרטיי אין נויאָרק אינם יאָר 1905 פון אַ גרופּע אַריבערגעקומענע פועלי ציון פון אייראָפּע.

שפּעטער זיינען אויך אויפגעקומען ענלעכע גרופּן אין אַנדערע טיילן פון לאַנד, וואו פריער, וואו שפּעטער. אַזוי אַז אין 1906 איז שוין אין פילאַדעלפיע אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ לאַנד־צוזאַמענפאָר.

די קליינע צאָל פועלי ציון, וואָס זיינען פאַרוואָגלט געוואָרן אין אַמע־ריקע, זיינען ניט אַראָפּגעפאַלן ביי זיך און האָבן דאָ אָרגאַניזירט זייער פאַרטיי מיט דעם אָפּטימיזם, וואָס פלאַמט אַרויס פון דעם גרויסן גלויבן אין דעם אמת פון דער אידייע. זיי האָבן אפילו אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַ וועכנטלעכע צייטונג מיט דעם ענטוזיאַזם פון זיגער. זיי האָבן זיך אָנגעהאַלטן אָן זייער פאַרטיי מיט דער עקשנות פון שטאַרקע גלויבער אין זייער זאַך, און עס איז געווען וואונדערלעך, וואָס זיי האָבן ניט פאַרצווייפלט אין דער אַרומיקער אייזיקער קעלט.

אַמעריקע איז אָבער אַ לאַנד פון „פראַטוירנאַל אָרדנס". ביז אמעריקע האָבן יידן ניט געוואוסט פון זיי. דער ערשטער אָרדן „בני־ברית", און אין 1887 האָט זיך געגרינדעט דער צווייטער יידישער אָרדן, דער אינדעפּענדענט אָרדן ברית אברהם, אַן אָרדן פון יידישע מיטלקלאַס מענטשן. אין 1902, פופצן יאָר נאָך דעם אינדעפּענדענט אָרדן ברית אברהם, איז געגרינדעט געוואָרן דער אַרבעטער רינג, אַ ברידערלעכע אָרגאַניזאַציע פאַר יידישע אַר־בעטער און פאָלקס־מענטשן, וואָס זיינען געווען מיטגלידער אָדער מיטגייער פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג דאָ אין לאַנד.

צען יאָר נאָך דער גרינדונג פון דעם ארבעטער רינג איז געגרינדעט געוואָרן דער יידיש־נאַציאָנאַלער ארבעטער פאַרבאַנד פון אַ גרופּע פ״צ חברים. דער פאַרבאַנד האָט זיך געווענדט צום זעלביקן קלאַס יידן, ווי דער עלטערער אָרדן, צום יידישן אַרבעטער און צום יידישן פאָלקס־מענטש. ער האָט זיי אָנ־געבאָטן אַ מער מאָדערנע פאַרזיכערונג־סיסטעם ווי די, וועלכע דער ארבע־טער רינג האָט געהאַט, געפּריידיקט צו זיי דעם זעלבן סאָציאַליזם, וואָס דאַרף באַפרייען די מענטשהייט און קודם־כל באַפעסטיקן זיך דאָ אין אַמעריקע ווי אַ גרויסע באַוועגונג. אָבער צוגעגעבן נאָך עפּעס, וואָס דער עלטערער אָרדן האָט לגמרי איגנאָרירט: יידישקייט, יידישן נאַציאָנאַליזם, כל ישראל פּראָב־לעמען, יידישע באַפרייאונג.

דער נאָמען פון פאַרבאַנד האָט אָנגעוויזן אויף זיין יידיש־נאַציאָנאַלער טענדענץ. דורכן פאַרבאַנד האָט מען געוואָלט ברענגען דאָס וואָרט פון אַרבע־טער ציוניזם צו די היגע ברייטע יידישע מאַסן.

וועגן דעם אויפקום פון דער פועלי ציון פאַרטיי דאָ אין לאַנד אַנדזשעלעס

געפינען מיר צווישן די זכרונות פון חבר געצל וויינער, איינער פון די פּי־אָנערן פון דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג, די פאָלגנדע אינטערעסאַנטע פאַקטן.

דער סאַמע אָנפאַנג פון דער באַוועגונג קאָן דאַטירט ווערן ארום די יאָרן 1912־13. דאָס זיינען געווען „אימיגראַציאָנס יאָרן". באַזונדערס פון „ליבערטי" און פון „דענווער" . . . עס איז דאַן אָרגאַניזירט געוואָרן דער ערשטער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער קלוב אין לאָס אנדזשעלעס, וועלכער איז באַשטאַנען פון פועלי ציון, ציוניסטן־טעריטאָריאַליסטן און אפילו נאַציאָנאַל־בונדיסטן. זייער ערשטע אַרבעט איז געווען צו פאַרשפּרייטן „דאָס נייע לעבן" וואָס איז דאַן דערשינען אונטער דער רעדאַקציע פון חיים זשיטלאָווסקי. אָבער וואָס האָט קאָנקרעט פאַראייניקט די גרופּע איז געווען די גרינדונג פון דער ערשטער יידישער פאָלק־שול אין לאָס אנדזשעלעס אין יאָר 1913.

געצל וויינער האָט דאַן אַ קורצע צייט געוואוינט אין סאַן פראַנציסקאָ וואו עס איז דאַן געגרינדעט געוואָרן אַ פאַרבאַנד צווייג. דאָס איז טאַקע געווען דער ערשטער פאַרבאַנד צווייג אויפן פּאַסיפישן ברעג.

אין נאָוועמבער 1913 איז געגרינדעט געוואָרן דער ערשטער פּוע"צ צווייג אין ל. א., צווישן די גרינדער זיינען געווען די ברידער קודלי, די ברידער וויינער, פּ. מ. ריסקין און י. ש. נאַאומאָוו.

צווישן זייערע ערשטע טעטיקייטן דאַרף פאַרצייכנט ווערן דער פּיפּלס רעליף קאַמפּיין. דער קאַפּיטל „לעגיאָן" איז איינער פון די גלאָררייכסטע. דער ענין יידישער קאָנגרעס אין ל. א. פאַרדינט אַ גאַנצן אַרטיקל; די אָרגאַניזירונג פון פאַרבאַנד; די ערשטע פאָלק־שול דאָ אין שטאָט איז געגרינדעט געוואָרן דורך אונדזערע חברים.

## וואָס איז דער צושטאַנד פון דער באַוועגונג היינט צו טאָג?

נאָכדעם ווי איר האָט זיך אָביסעלע באַקענט מיט די בראשית טעג פון אונדזער באַוועגונג וועט זיכער זיין דערפרייענד פאַר אַלע פריינט פון דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג צו וויסן דעם סך הכל פון אונדזערע דערגרייכונגען היינט צו טאָג.

א) די פּועלי ציון פּאַרטיי ציילט היינט צו טאָג אין לאָס אַנדזשעלעס 18 גרופּן יידיש און ענגליש ריידנדיקע, מיט אַ מיטגלידערשאַפט פון אַ 7־8 הונדערט.

ב) דער פאַרבאנד האָט אין לאָס אנדזשעלעס 10 אָרגאַניזירטע צווייגן מיט אַ מיטגלידערשאַפט פון 1200.

## די פּיאָנערן פרויען אָרגאַניזאַציע

מיטן וואוקס פון דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג זיינען אויך אַריינגעטראָטן אין דער באַוועגונג טויזנטער פרויען, סיי אַזעלכע וועלכע האָבן באַלאַנגט אין די מענערשע אָרגאַניזאַציעס, סיי אַזעלכע וואָס זיינען געווען אָרגאַניזירט אין פרויען קלוב פון פאַרבאַנד. מיטן אויפקום פון דער מועצת הפועלת אין ארץ ישראל, די פרויען אָפּטיילונג פון דער הסתדרות, האָט זיך

דאָ דערפילט אַ נויטווענדיקייט פֿאַר אַן ענלעכער פּרויען אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע. מיט דער הילף פֿון דער פּאַרטיי פּועלי ציון און דעם פֿאַרבאַנד איז די פּיאָנערן פרויען אָרגאַניזאַציע אָרגאַניזירט געוואָרן. איצט צאָלן זיי אָפּ דער באַוועגונג דורך שאַפֿן גרופּן אין אַלע טיילן פֿון לאַנד און דורך ברענגען דאָס וואָרט פֿון ארבעטער ציוניזם צו דער אידישער פֿאָלקס פרוי אין אַלע פֿאַרוואָרפּענע ווינקעלעך פֿון לאַנד און דורך שאַפֿן גרויסע סומען געלט פֿאַר ישראל. די אָרגאַניזאַציע ציילט איצט אין לאָס אנדזשעלעס 35 גרופּן מיט אַ מיטגלידערשאַפֿט פֿון 2500.

## די הבונים

אונדזער יוגנט אָרגאַניזאַציע איז איינגעטיילט אין 8 פֿאַרשידענע גרופּן פֿון פֿאַרשידענע עלטער און ציילט אַרום 200 מיטגלידער. זייער אויפֿגאַבע איז די זעלבע ווי פֿון די עלטערע פּועלי ציון.

## דער קאַמפּיין פֿאַר דער הסתדרות אין ישראל

דער קאַמפּיין איז אַרויסגעוואַקסן פֿון דער באַוועגונג. ער האָט זיך אָנגעהויבן ווען חברים פֿלעגן אַרויסגיין מיט פּושקעס קלייבן ניקעלס און דיימס פֿאַרן פּאַלעסטינער אַרבעטער פֿאָנד, און שפּעטער איז עס געוואָרן דער „גע־ווערקשאַפֿטן קאַמפּיין”, מיט אנטייל פֿון די יידישע יוניאָנס, ארבעטער רינג, פֿאַרשידענע לאַנדסמאַנשאַפֿטן און פֿאָלקס אָרגאַניזאַציעס. דער קאַמפּיין שאַפֿט דאָ נאָענט צו צוויי הונדערט טויזנט דאָלער אַ יאָר, וואָס גייט פֿאַר דעם אויפֿבוי און אויפֿהאַלט פֿון ספּעציעלע אינסטיטוציעס און קאָאָפּעראַטיוון פֿון דער הסתדרות, וואָס איז אַ גרויסע הילף פֿאַר דעם עקאָנאָמישן מצב פֿון דער מדינה.

## דער וועלפֿער פֿאָנד קאַמפּיין

מיר האָבן יאָרן לאַנג זיך באַטייליקט אינם וועלפֿער פֿאָנד ווי אַלע יידן אַלס גרופּן און יחידים. די לעצטע צוויי יאָר איז אונדזער באַוועגונג אָרגאַניזירט געוואָרן אַלס אַ באַזונדערע אָפּטיילונג. אַלס רעזולטאַט פֿון דעם איז דורך אונדזער אָפּטיילונג געשאַפֿן געוואָרן פֿאַרן וועלפֿער פֿאָנד אַ באַדייטנד גרויסע סומע. דאָס איז אַן אָנפֿאַנג — מיר האָפֿן אין די קומענדע יאָרן די סומע היפּשלעך פֿאַרגרעסערן.

## אונדזערע אינסטיטוציעס

עס דאַרפֿן זיכער דערמאָנט ווערן אונדזערע דריי פֿאָלקס שולן און פֿאָלקס הייזער: 1) סיטי טעראַס, 2) 420 נאָרט סאָטאָ (די שול איז צייטווייליק גע־שלאָסן), 3) דער אינסטיטוט פֿאַר יידישער דערציאונג, אויף דער דריטער גאַס. דאָס איז געוויס אַ שיינער בייטראַג צום היגן געזעלשאַפֿטלעך קולטורעלן לעבן פֿאַר וואָס עס קומט דער קרעדיט צו די חברים פֿון דער באַוועגונג. דאָס איז געשאַפֿן געוואָרן דורך אייגענע מיטלען, מיט די באַשרענקטע פֿינאַנציעלע מעגלעכקייטן פֿון דער מיטגלידערשאַפֿט און סימפּאַטיקער.

עס איז זיכער נאָך דאָ אַ סך צו שרייבן וועגן אונדזער אנטייל אין היגן

# דער אַרבעטער רינג אין לאָס אַנגעלעס

מיט 46 יאָר צוריק, אין די האַרבסט מאָנאַטן פון יאָר 1908, איז געגריגדעט געוואָרן דער ערשטער ארבעטער רינג ברענטש אין לאָס אנגעלעס.

לויט די פאַראַנענע סטאַטיסטישע ידיעות זאָל די יידישע באַפעלקערונג פון לאָס אנגעלעס אין יענער צייט האָבן באַשטאַנען פון אַרום 20 טויזנט נפשות.

צווישן די תושבים זיינען אַ היפּשע צאָל געווען טובערקולאָז קראַנקע, מייסטנס אַרבעטער, וועלכע זיינען אהער געקומען צוליב דעם מילדן קלימאַט אָפּצוראַטעווען זייער געזונט און לעבן. פאַרשטייט זיך, אַז צווישן דער יידישער באַפעלקערונג איז די מערהייט באַשטאַנען פון פּיאָנערן און „אַלדטיימערס״ וואָס זיינען אַ סך פריער אהער געקומען מיט דעם אלגעמיינעם שטראָם פון עמיגראַציע.

דער ערשטער ארבעטער רינג ברענטש האָט באַקומען דעם נומער 248 און עס האָט גאַרנישט לאַנג גענומען ווי דער ברענטש איז געוואָרן דער זאַמלפונקט פון די אונטערדריקטע און באַ׳עוולטע אין דער דעמאָלט „ווילדער״ מערב שטאָט לאָס אנגעלעס.

דער ברענטש 248 האָט באַלד אין די ערשטע יאָרן פון זיין עקזיסטענץ אַריינגעשריבן היסטאָרישע בלעטער פאַר דער געשיכטע פון יידן פון אונדזער שטאָט.

דער ארבעטער רינג איז געווען דער פּאַקטישער גרינדער פון דער היינטיקער וועלט באַרימטער „סיטי אָף האָופּ״. שוין אין 1912 האָט דער טשערמאַן פון ארבעטער רינג, באַרנעט קאהען, פאַררופן די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג פון דער „יידישער קאנסאמפּטיוו הילפס אסאָסיאיישאָן״, פון וועלכער עס איז שפּעטער אַרויסגעוואָקסן דער לאָס אנגעלעסער סאַניטאַריום. אונטער בארנעט קאָהענס פירערשאַפט זיינען איינגעקויפט געוואָרן די ערשטע צען אַקער לאַנד אין דואַרטי וואו עס געפינט זיך היינט די „סיטי אָף האָופּ״.

דער ארבעטער רינג איז ביזן היינטיקן טאָג ענג פאַרבונדן מיט דער וואונדערלעכער אינסטיטוציע און צווישן אירע הויפּט באַאַמטע און טוערס געפינען זיך אָנגעזעענע ארבעטער רינג מיטגלידער.

אויך אין הינזיכט פון אָרגאַניזירן די יידישע אַרבעטער האָט דער לאָס אנגעלעסער ארבעטער רינג געשפּילט אַ היסטאָרישע ראָלע; דער ערשטער מיטינג פון די דאַמען־שניידער איז גערופן געוואָרן פון אהרן שאפּירא ע״ה, וועלכער איז גלייכצייטיק געווען דער סעקרעטאַר פון ארבעטער רינג.

אַלע סטרייקס פון די יידישע ארבעטער האָבן באַקומען מאַטעריעלע און

---

קהל׳שן לעבן. אינם קאַמיוניטי קאָנסול, אין די פאַרשיידענע שטאָטישע אינסטיטוציעס און קאַמפּיינס.

וועגן די פאַרשיידענע קולטור אָוונטן וואָס אַלע אונדזערע צווייגן באַזונדער פירן דורך, אָבער איך זע אַז איך האָב שוין פאַרנומען אַביסל צופיל פּלאַץ, וועלן מיר מוזן זאָגן עד כאן. זאָל זיין גענוג פאַר היינט.

אויך מאָראַלישע הילף פון ארבעטער רינג, וועלכער איז אויך געווען אינסטרו־מענטאַל אין דער גרינדונג פון זיינע יוניאָנס.

די יוניאָנס פון די דרעסמאַכער, מענער שניידער, היטל־מאַכער און בע־קערס האָבן זייער אָנהויב געמאַכט מיט דער אַקטיווער הילף פון ארבעטער רינג. זאָל דאָ אויך פאַרצייכנט ווערן, אַז בעת דעם גענעראַל סטרייק פון די לאָס אנגעלעסער קלאָוקמאַכערס, האָבן זיך די ארבעטער רינג מיטגלידער פרייוויליק באַשטייערט צו העלפן די סטרייקנדע, און מיטגלידער פון אַרבע־טער רינג האָבן זיך געשטעלט אין די פּיקעט ליינס לטובת די סטרייקנדע.

די היסטאָרישע אורזאַכן האָבן עס געגעבן דעם ארבעטער רינג דעם פּאַרדינטן אָנזען, וואָס ער האָט אין דער היינט גרויסער שטאָט לאָס אנגעלעס.

דער ארבעטער רינג אין לאָס אנגעלעס רוט נישט אָבער אויף די לאָר־בער קראַנצן פון זיין פאַרגאַנגענהייט. די איבער 3,500 מיטגלידער זיינען אַקטיוו אין דעם יידישן ווי אין דעם אלגעמיינעם געזעלשאַפטלעכן לעבן פון אונדזער שטאָט.

יידישע קולטור און שפּראַך ווערט אויף דעם שענסטן אופן געפלעגט אין דעם אַרבעטער רינג. אַלע זיינע ברענטשעס, יידיש רעדנדע ווי ענגליש רעדנדע פון דער יוגנט, פאַרנעמען זיך מיט יידישער קולטור און געזעלשאַפט־לעכע פּראָבלעמען.

צוויי שולן פאַרמאָגט דער ארבעטער רינג און אַ דריטע וועט נאָך היינ־טיקס יאָר געגרינדעט ווערן אין דער „וועלי". אויך די ענגליש רעדנדע ברענ־טשעס פירן אָן מיט אַ דערפאָלגרייכער זונטיק שול.

אין דעם ארבעטער רינג קעמפּ פאָרן יעדן יאָר אַרויס הונדערטער קינדער און דערוואַקסענע. אַן אינטענסיווער יידישער קולטור פּראָגראַם ווערט דורכ־געפירט אין קעמפּ.

צו די וויכטיקסטע קאַמפּיינס באַשטייערן זיך די מיטגלידער, ווי צום יידישן וועלפער פאָנד, יידישן אַרבעטער קאָמיטעט, „סיטי אָף האָופּ", באָנדס פאַר ישראל, הסתדרות, „איוואָ", „אָרט", צענטראַלע יידישע קולטור אָרגאַ־ניזאַציע (ציקאָ), מאונט סיני האָספּיטאַל קליניק און אַנדערע.

דער ארבעטער רינג העלפט נאָך אויך ביז היינט צו טאָג סטרייקנדע אַר־בעטער פון דער א. פ. ל. אָדער סי. איי. אָ. יוניאָנס.

צום הונדערטסטן יאָרטאָג פון דער יידישער קהילה אין לאָס אנגעלעס קומט דער אַרבעטער רינג נישט נאָר מיט אַ רייכער פאַרגאַנגענהייט אין אָפּ־געטוענע טעטיקייטן.

דער ארבעטער רינג היינט צו טאָג שטעלט פאָר מיט זיך אַ לעבעדיקן קוואַל פון ברויזנדע אַקטיוויטעטן און דער עיקר מיט אַ באַדייטנדער צאָל פון יוגנט וואָס פאַרבינדן זיך מיט די היסטאָרישע טראַדיציעס פון ארבעטער רינג.

מאיר וויינטרויב, פאָרזיצער
סעם פּאול, וויצע פאָרזיצער
דוד גאָלדמאַן, עקזעקוטיוו סעקרעטאַר
אברהם פילער, פינאַנץ סעקרעטאַר

# אינסטיטוט פאַר יידישער דערציאונג אין לאָס אַנדזשעלעס

## געשיכטלעכע נאָטיצן

### פון יוסף פאַניק, פרעז.

אין שייכות מיט 100 יאָר יידיש לעבן אין קאַליפאָרניע פאַרנעמט די שטאָט פון מלאכים גאָר אַ וויכטיקן פּלאַץ, שוין דערפאַר וואָס זי איז געוואָרן דער 2טער גרעסטער יידישער ישוב אין לאַנד, און אַלס אַ טייל פון דעם גייסטיקן און קולטורעלן חשבון פון לאָס אַנדזשעלעס זאָל דאָ פאַרצייכנט ווערן די געשיכטע פון דעם „אינסטיטוט פאַר יידישער דערציאונג".

ביז אָנהויב פון דער 2טער וועלט מלחמה איז דער גרעסטער יידישער צענטער אין לאָס אַנדזשעלעס געווען בויל הייטס. די ציוניסטישע אַרבעטער באַוועגונג האָט אויסגעבויט איר צענטער, די פאָלק שול הויז אויף 420 נאָרט סאָטאָ גאַס.

אין די יאָרן 1940־1941 האָט זיך אָנגעהויבן אַ באַדייטנדע יידישע אויס־וואַנדערונג צום מערב טייל פון שטאָט, און עס איז פאַר אַלעמען געוואָרן קלאָר אַז בויל הייטס, הערט אויף צו שפּילן די פירנדיקע ראָלע אין יידישן לעבן ביי אונדז אין שטאָט.

חברים זיינען געוואָרן שטאַרק באַזאָרגט איבער דעם געאָגראַפישן שטער צום ווייטערדיקן פאָרשריט פון די ציוניסטיש אַרבעטער אַקטיוויטעטן און גע־קומען צום באַשלוס, אַז בויל הייטס קאָן מער נישט דינען דעם גרעסטן טייל פון דער באַוועגונג. זיי האָבן גענומען אויף זיך די עובדה צו געפינען אַ פּאַסיקן פּלאַץ אין מערב טייל פון שטאָט — בעווערלי פעירפעקס געגנט — וואו דער ישוב איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג.

פאַר עטלעכע יאָר האָט מען געזוכט צו דינגען אַ פּאַסיק הויז פאַר אַ צענטער און שול, און ווען עס האָט זיך אַרויסגעצייגט אַז אַזאַ פּאַסיקע געביידע קאָן מען נישט קריגן, איז רייף געוואָרן דער געדאַנק צו קויפן אָדער בויען אַן אייגענעם בנין. די איניציאַטיווע דאַרויף האָבן גענומען אַ צאָל חברים פון דער „אויפבוי" גרופּע, צו יענער צייט איינע פון די פירנדיקע צווייגן פון דער „ליגע פאַרן אַרבעטנדן ארץ־ישראל", וועלכע האָט געשטעלט דעם הויפּט טראָפּ אויף יידישער קולטור.

די עטלעכע חברים פון „אויפבוי" האָבן צוגעצויגן נאָך יחידים און סימ־פּאַטיקער פון דער באַוועגונג צו דעם דאָזיקן פּראָיעקט. ס'וועט דאָ נישט דינען קיין צוועק צו דערמאָנען נעמען פון די פּאַטראַכטער און גרינדער פון אינסטיטוט אויסער פון 2 חברים, וועלכע זיינען שוין אויפן עולם האמת — יוסף שטיינבערג און נתן ז. פעסין, ע"ה — וועלכע זיינען געווען פון די הויפּט גרינדער פון „אינסטיטוט פאַר יידישער דערציאונג".

אין יולי 1945 האָבן די איניציאַטאָרן פאַררופן אַן אסיפה פון פירנדיקע חברים און עס ווערט געשאַפן די סומע פון אַריבער 9,000 דאָלער. דעם זעל־ביקן יאָר אין אָקטאָבער ווערט געקויפט אַ פּאַרטיקע געביידע פאַרן אינסטי־טוט און ווערט פונקט צום יאָר פאַרקויפט אַלס אומפּאַסיק.

אין 1947 ווערט געדונגען אַ הויז און רעמאָנטירט פאַר אַ צייטווייליקע היים פאַר דער באַוועגונג אויף 317 ס. ווערמאָנט, און אין דערזעלביקער צייט ווערט געקויפט אַ פּלאַץ אויף דער 3טער גאַס פאַר דעם איצטיקן בנין פון אינסטיטוט.

אין סעפּטעמבער 1949 ווערט געלייגט דער ווינקלשטיין און אין נאָוועמ־בער 1950 איז דער בנין גענוג פאַרטיק אויף צו דערעפענען אַ נאָכמיטיק שול און קינדערגאָרטן.

ווען עס וועט אַמאָל געשריבן ווערן די געשיכטע וועגן קאַמף פון מדינת ישראל און די גרויסע ראָלע וואָס די ציוניסטישע אַרבעטער באַוועגונג אין לאָס אַנדזשעלעס האָט דערביי געשפּילט, וועט מען זיך מוזן אָנשטויסן אויף 317 ס. ווערמאָנט, ווייל אָן דעם פיזישן צייטווייליקן צענטער וואָלט אוממעגלעך געווען צו געבן די גרויסע הילף וואָס אונדזער באַוועגונג האָט בייגעטראָגן.

כאָטש דער ענין אינסטיטוט איז פאַרטראַכט געוואָרן אַזוי פרי ווי אין 1945 איז אוממעגלעך געווען צוצוגיין צום בויען ביז 1949 צוליב טעכנישע סיבות. פּשוט, צוליב מאַנגל אין פאָנדן, ווייל גוטע, געטרייע חברים און סתם וואוילע יידן האָבן געדאַרפט אוועקגעבן דאָס מאַקסימאַלסטע פון זייער ענער־גיע און געלט מיטלען פאַר הילף און רעהאַביליטאַציע דורך וועלפעיר פאָנד, הסתדרות, נאַציאָנאַל פאָנד, הגנה, א.אַז.וו. און, ווען דער בית המדרש ברענט, און עס האַלט ביי פּקוח־נפש מעג מען מחלל שבת זיין — איז נישט נויטיק איצט אַריינצוגיין אין פּרטים און אין די אַזוי גערופענע „טרייעלס און עררארס״, אין יענער גורלדיקער צייט פון יידישן פאָלק, וואָס האָט אויך גורם געווען דאָס פאַרלאַנגזאַמען די פאַרווירקלעכונג פון דעם גרויסן חלום, אַזוי גיך ווי מ׳האָט דערוואַרט.

אָבער ענדלעך קומט די גליקלעכע שעה פון 16טן מערץ, 1951, ווען עס ווערט פּראָקלאַמירט אַ 3־טאָגיקער יום טוב פונם חנוכת הבית פון אינסטיטוט.

דער פּראָגראַם פון אינסטיטוט איז צו פאַראייניקן 3 דורות דורך קולטור און דערציאונג. דורכצופירן אַזאַ גיגאַנטישע אויפגאַבע פאָדערט זיך סיסטע־מאַטיש־פּאַרזיכטיקע דורכגעטראַכטע פּלענער און פּראָגראַמען; ליידער, צוליב די אויבנדערמאָנטע סכנות־נפשותדיקע יאָרן, איז דאָס ניט געווען מעגלעך דורך יענער צייט דורכצופירן.

האָבן דערווייל חברים אָנגעפאַנגען אָרגאַניזירן די פאָלק שול ביים אינ־סטיטוט, וואָס דאָס אַליין איז געוואָרן אַ גאָר שווערער ענין ,ווייל דער 2טער און 3טער דור (אַמעריקאַנער געבוירענע) זיינען פאַר אונדז כמעט ווי פאַרלוירן. זיי זיינען אפשר ניט אינגאַנצן פאַרלוירן, ווייל לעצטנס האָבן זיך באַוויזן סמנים פון אַ בלאָנדזשענדער זוכעניש פון באַהעפטן זיך מיטן יידישן פאָלק. דורך דער דערציאונג פון זייערע קינדער אַלס מאָדערנע באַוואוסטזיניקע יידן, וועלכע טיילן נישט אָפּ דעם גלות פון מדינת ישראל, מיט דרך ארץ און ליב־שאַפט צו יידיש און העברעאיש און אונדזערע קולטורעלע אוצרות, און מיט אַ שטרעבן צו אַ סיסטעם פון סאָציאַלן יושר לויט די יסודות פון אונדזערע נביאים, איז דאָ אַ האָפענונג זיי צו דערנעענטערן אויף וויפיל מעגלעך צו אונדז.

צו דערגרייכן אָט דעם וויכטיקן ציל גייט אָן אַן אינטענסיווע אַרבעט צו

# רשימה פון קולטורעלע שבת-צו-נאַכטן

פאַררעגיסטרירט פון י. פ.

— פון 28טן זמן, 54־1953, פון לאָס אנגעלעסער יידישן קולטור קלוב —

א) שבת אָוונט, דעם 12טן סעפּט., איז דורכגעפירט געוואָרן די פייערונג פון דעם יום־טוב ראש־השנה. דער באַוואוסטער פּעדאַגאָג אשר דובין האָט רע־פערירט וועגן דעם יום־טוב ראש־השנה, און מרדכי מייזל, באַקאַנטער טעאַטראל האָט פאַרגעלייענט.

ב) שבת אָוונט דעם 26טן סעפּט., איז געפייערט געוואָרן דער יום־טוב סוכות. חבר א. שטורם האָט גערעדט וועגן דעם יום־טוב סוכות. י. ל. מאלאמוט און פ. לערנער האָבן פאַרגעלייענט.

ג) שבת אָוונט דעם 10טן אָקטאָבער, האָט דער קבלת פנים קאָמיטעט געגעבן אַן אָוונט פאַר דער חשוב'ער דיכטערין רחל קאָרן. דער קלוב איז געווען אָנגעשלאָסן אין קאָמיטעט, אויך האָט דער קלוב מנדב געווען דעם אדיטאָריום צום קאָרן קאָמיטעט און קיין אייגענעם פּראָגראַם ניט דורכגעפירט.

ד) שבת אָוונט, דעם 17טן אָקטאָבער — אָפיציעלע דערעפענונג פון 28טן זמן פון קולטור קלוב. באַטייליקטע אין דעם אָוונט: דערעפענונגס רעדע פון פּרעזידענט פון קולטור קלוב, י. פרידלאַנד; באַגריסונגס וואָרט פון חשובן דיכ־טער ה. רויזענבלאַט; דער באַרימטער קינסטלער פון „הבימה", בן־ארי, אין אַן אייגנאַרטיקן וואָרט־קאָנצערט; פייגעלע פּאַניטץ, די פיינסטע אויסטייטשערין פון יידישן פאָלקס ליד, פיאַנא באגלייטונג: יודזשינא ברומאן; און, די אויפנאַמע פון דעם 4טן נומער „חשבון".

ו) שבת אָוונט, דעם 31טן אָקטאָבער, די יערלעכע אָפיציעלע דערעפענונג פון „חודש פאַרן יידישן בוך". די דערעפענונג איז איינגעאָרדנט געוואָרן בשותפות

---

פאַרגרעסערן אונדזער נאָכמיטיק שול און דעם קינדערגאָרטן פאַר דעם צוועק צו דערעפענען אַ גאַנצע טאָג שול אין סעפּטעמבער 1955.

די גרינדער פון אינסטיטוט און די געטרייע חברים וואָס זיינען צוגעקומען צו העלפן אין אונדזער אַרבעט, וואָס זייערע נעמען ווערן דורכגעלאָזן אין דעם אַרטיקל, ווייל זיי טוען די אַרבעט לשמה און נישט לשמם, אָט די יידן אַפּע־לירן איצט צו אַלע יידן אין שטאָט ביי וועמען דער ענין קולטור און דערציאונג האָט אַ ווערט, וועלכע ווילן זיך אויך נישט פאַרגינען דעם לוקסוס פון בלויז זיך אַליין אויסלעבן קולטורעל, אַז זיי זאָלן זיך אָפּגעבן דין וחשבון און זיך אָנשליסן אין דער הייליקער אַרבעט פון דערציאונג, און אַזוי אַרום דערפילן דעם חוב פון „והגדת לבנך" און „ושננתם לבנך", כדי דאָס שטענדיקע ריידן וועגן המשך פאַרן „קיום" פון עם ישראל זאָל נישט בלייבן אַ פּוסטע פראַזע, נאָר עס זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין מעשים.

דער פּראָגראַם פון דעם אינסטיטוט איז פאַר איין גאַנץ און געזונט יידיש פאָלק, אָפּגעזען פון געאָגראַפישע וואוינערטער. דאָס איז דער תמצית פון ריי־נעם פועלי־ציוניזם און פאָלגלעך ריין פאָלקסטימלעך יידיש לעבן. די מתעסקים אַרום דעם אינסטיטוט אַפּעלירן דערפאַר צו אַלע יידן וועמען די ווייטערדיקע עקזיסטענץ פון אַ יידיש פאָלק איז זיי נאָענט צום האַרצן, צו העלפן אין אָט דער הייליקער אַרבעט.

מיט דער ביורא פאַר יידישער דערציאונג. ס׳ווערט דורכגעפירט אַ דריי־שפּראַ־ביקע אקאַדעמיע: יידיש, העברעאיש און ענגליש. וועגן חודש פון יידישן בוך, עפנט דעם אָוונט חבר י. פרידלאַנד און גיט איבער דעם פאַרזיץ צו דוד באַסאַן, פון דער „ביורא״. דר. סעמועל דינין, דירעקטאָר פון דער „ביורא״, רעפערירט איבער „די יידישע ליטעראַטור און די צוקונפט פון יידיש לעבן אין אַמעריקע״ (ענגליש); פּראָפעסאָר משה ליבמאַן: „חיים גרינבערג דער שרייבער און לערער״ (יידיש); קאַנטאָר לייב גלאַנץ העברעאיש). מיידן קייזער, געזאַנג, יידישע און העברעאיש לידער; באַגריסונג אין נאָמען פון קלוב, בען צוקערמאַן.

אין דעם גאַנצן חודש פון יידישן בוך איז אַנגעהאַלטן געוואָרן אַן אויס־שטעלונג פון די נייעסטע יידישע, העברעאישע און ענגלישע ביכער איבער יידישע ענינים; קונסט אַלבומען און אויך יקר המציאותן, צוגעשטעלט און אונ־טער דער השגחה פון דעם חשובן קולטור עסקן, מ. הארעליק. אויך איז אַנגע־האַלטן געוואָרן אַ קונסט אויסשטעלונג פון פּראָמינענטע מאָלער: רובין, מאַקס באַנד, סאָול, שאַגאַל, קאָוונער־גראַדסקי און וויליאַם אוירל סינגער. די אויס־שטעלונג איז געווען אונטער דער אויפזיכט פון מרדכי מייזל, באַהילפיקט פון דר. מאַנטי סאַלווין.

ז) שבת אָוונט, דעם 7טן נאָוו., לכבוד דער דערשיינונג פון י. ל. מאַלאַ־מוטס נייעסטן בוך, „מיטן פּנים צו דער זון״, ווערט דורכגעפירט אַ ליטעראַריש מוזיקאַלישער אָוונט, מיטן אַנטייל פון: אַרנאַלד זשוראַווסקי, פידל קינסטלער, פייגעלע פאַניטש, געזאַנג; אליהו טענעהאַלץ, פאַרלייענונג; ז. זילבערצווייג, שריפט־לעכע באַגריסונג; מרדכי מייזל, רעציטאַציע; מאָריס שווארץ און הערי לאַנג, באַגריסונגען. י. פרידלאַנד אין אַן אָפּשאַצונג, און דער מחבר אין אַ שלוס־וואָרט.

ח) שבת אָוונט, דעם 14טן נאָוו., האָט געזאָלט פאָרקומען אַ מאַני־לייב אָוונט, איז צוליב דעם שלאַקס־רעגן, יענער אָוונט אָפּגעלייגט געוואָרן אויף שבת דעם 14טן דעצ.

ט) שבת אָוונט, דעם 21טן נאָוו., האָט דער באַוואוסטער שריפטשטעלער און קולטור עסקן, יעקב פּאַט, רעפערירט איבער דער טעמע: „פינף יאָר מדינת ישראל, וואָס לערנט עס אונדז?״

י) שבת אָוונט, דעם 28טן נאָוו., צום אָפּשלוס פון חודש פאַרן יידישן בוך, רעפערירט דר. מאַנטי סאַלווין איבער דער טעמע: „מאָדערנע יידישע קונסט און קינסטלער״, באַטאָנענדיק איבער די שאַפונגען פון די באַטייליקטע אין דער אויסשטעלונג, פון חודש פאַרן יידישן בוך.

יא) שבת אָוונט, דעם 5טן דעצ., ווערט דורכגעפירט אַ חנוכה פייערונג. דער באַוואוסטער פּעדאַגאָג, אשר דובין, גיט אַ לענגערע אָפּהאַנדלונג וועגן דעם יום־טוב חנוכה; יוסף גינזבורג לייענט פאַר פון שלום עליכם; י. פרידלאַנד אימ־פּראָוויזירט מיט אַ גרופּע חברים אַ לעבעדיקע מנורה, באַגלייט מיט געזאַנג.

יב) שבת אָוונט, דעם 12טן דעצ., ווערט דורכגעפירט צו שלושים אַ הזכרה נאָך דעם באַרימטן דיכטער מאַני־לייב. דער פאָרזיצער, י. פרידלאַנד, עפנט דעם אָוונט מיט ביאָ־ביבליאָגראַפישע באַמערקונגען וועגן מאַני־לייבן. ה. רוי־זענבלאַט, מיט אַ לענגערע אָפּשאַצונג; פייגעלע פאַניטש, מיט געזאַנג פון מאַני־לייבס לידער; הערי לאַנג, מיט זכרונות און איינדרוקן; רחל קאַרן, וועגן מאַני־לייב דעם ליריקער; און צוויי תלמידות פון דער פאַראייניקטער מיטלשול, מיט לידער פון מאַני־לייבן.

יג) שבת אָוונט, דעם 19טן דעצ., ווערט דורכגעפירט אַ לייוויק־ניגער אָוונט, צוליב דער דערשיינונג פון ניגערס בוך איבער לייוויקן. אין פּראָגראַם פון אָוונט באַטייליקן זיך: מ. פּאַגעל, מיט אַן אָפּהאַנדלונג איבער לייוויקס שאַפן; פייגעלע פאַניטש טראָגט פאָר אַ ציקל לידער, באַגלייט אויף דער פּיאַנע פון יודזשינאַ ברומאַן; ליבע אקון, באַקאַנטע לערערין, אין אָפּהאַנדלונג וועגן ש. ניגערן; און דער אַרטיסט יצחק רויטבלום, אין רעציטאַציעס פון לייוויקס לידער.

יד) שבת אָוונט, דעם 26טן דעצ., האָט פּר. קאַלער, מחבר פון אַ בוך אין העברעאיש, איבער מגילת אסתר, גערעדט איבער „יידישער הומאָר אין גלות און אין ישראל".

טו) שבת אָוונט, דעם 2טן יאַנואַר, יערלעכער באַריכט פון דעם קלובס פאַרשטייער צו דעם „קאָמיוניטי קאָנסל", חברים אייעראַף און בריינין, פון דער טעטיקייט פון דער היגער קהילה.

טז) שבת, דעם 9טן יאנואר, איז דורכגעפירט געוואָרן דער יערלעכער „ייווא" אָוונט לטובת דעם „ייווא". אין פּראָגראַם האָבן זיך באַטייליקט: פּראָפעסאר משה ליבמאן, מיט אַן אינטערעסאַנטן רעפעראַט איבער מענדעלעס ווערק; אברהם זיגלבוים אין פאַרלייענונגען; שלמה האכבערג וועגן „ייווא". דער קלוב האָט איבערגעגעבן זיין יערלעכן שטייער צום „ייווא", הונדערט דאלאר.

יז) שבת אָוונט, דעם 16טן יאַנואַר, איז דורכגעפירט געוואָרן אַ „לעבעדיקע צייטונג" מיט אנטייל פון די פאַלגנדיקע שרייבער: הערי לאנג, א. באביטץ, פּ. בערמאַן, י. פרידלאנד און י. ל. מאלאמוט, רעדאַקטאָרן.

יח) שבת אָוונט, דעם 23טן יאַנואַר, איז געווען געווידמעט לכבוד דער דערשיינונג פון י. פרידלאנדס נייסטן בוך „פון פּאַסיפיק ביזן כנרת". אין פּראָגראַם האָבן זיך באַטייליקט: ארנאלד זשוראווסקי, פידל קינסטלער; משה שטראַסבערג אין פאַרלייענונגען פון פרידלאנדס שאַפונגען; י. ל. מאלאמוט אין אַ לענגערע אָפּשאַצונג פון דעם מחברס ערשטן בוך „רוי־ערד" און דעם לעצטן. מ. ל. קאפּעלאף, פאַרזיצער פון אָוונט.

יט) שבת אָוונט, דעם 30טן יאַנואַר, אַן אָוונט פון יידישער מאָל־קונסט, אין וואָרט און אין בילד. דער באַרימטער מאלער, וויליאם אוירל סינגער פון ישראל, האָט רעפערירט איבער קונסט און אילוסטרירט מיט זיינע בילדער פון ישראל. י. ל מאלאמוט האָט געעפנט דעם אָוונט מיט ביאָגראַפישע באַמערקונגען וועגן דעם קינסטלער און זיינע טעטיקייטן.

כ) שבת אָוונט, דעם 6טן פעב., אַ קבלת פנים פאַר דעם באַוואוסטן יידישן געלערנטן וויליאם נאטאנסאן, פון שיקאגא, וועלכער ווערט אַ תושב אין ל. א. י. פרידלאנד עפנט דעם אָוונט מיט קורצע באַמערקונגען וועגן דעם חשובן גאַסט; י. ל. מאלאמוט גיט אַן אָפּשאַצונג פון דעם חשובן אָרט וואָס נאטאנסאן פאַרנעמט אין אונדזער יידישער ליטעראַטור און קולטור; מרדכי מייזל און משה מאנדלבוים, אין אַ סצענע פון י. ל. פּרץ'ס „אַ שמועס"; קורצע באַגריסונגען און צום שלוס אַ קורצער רעפעראַט פון דעם גאַסט.

כא) שבת אָוונט, דעם 13טן פעב., האָט דר. ז. קורמאן רעפערירט איבער דער טעמע: „דער בייטראג פון יידישן ישוב צו דעם פּראָגרעס פון אַמעריקע". אניטא פריינדליך האָט טאַלאַנטפול פאָרגעטראָגן אַ ציקל יידישע פאָלקס לידער אין געזאַנג.

כב) שבת אָוונט, דעם 20טן פעב., האָט דער באַוואוסטער אַרטיסט י. ברזלי דורכגעפירט אַ פּרעכטיקן וואָרט קאָנצערט, מיט שאַפונגען פון אונדזערע קלאַסיקער און דיכטער. פיאנא באַגלייטונג, פון יודזשינא ברומאן. י. פרידלאנד האָט געגעבן קורצע ביאָ־ביבליאָגראַפישע באַמערקונגען איבער די דיכטער, וועלכע י. ברזלי האָט פאָרגעטראָגן.

כג) שבת אָוונט, דעם 27טן פעב., אַ חסידישע מלווה מלכה, געזאַנג בציבור און פאָלקס מעשיות, פאָרגעטראָגן פון די מיטגלידער פון קלוב, ביי געדעקטע טישן.

כד) שבת אָוונט, דעם 6טן מערץ, אַ מוזיקאַלישער אָוונט. בעלא זאלקין, אַ באַוואוסטע יידישע פאָלקס זינגערין פון בוענאס איירעס, טרעט אויף מיט אַ צאָל יידישע און העברעאישע לידער, און י. ל. מאלאמוט אין אַן עסיי איבער יידישער מוזיק און אירע שאַפער.

כה) שבת אָוונט, דעם 13טן מערץ, ווערט געווידמעט: „דריי טויזנט יאָר

ירושלים". חבר בען צוקערמאַן רעדט וועגן „ירושלים, די אייביקע שטאָט", און ס'ווערט געוויזן אַ פילם פון ירושלים.

כו) שבת אָוונט, דעם 20טן מערץ, ווערט דורכגעפירט אַ פּורים פּראָגראַם, מיט דער באַטייליקונג פון די חברים באביטש, מאלאמוט, פרידלאַנד און גינזבורג.

כז) שבת אָוונט, דעם 27טן מערץ, אַ רעפעראַט פון דעם באַוואוסטן גע־לערנטן און שריפטשטעלער, אבא גאָרדין, איבער דער טעמע: „דוד המלך און שלמה המלך".

כח) שבת אָוונט, דעם 3טן אַפּריל, ווערט דורכגעפירט אַ קבלת פּנים פאַר דעם באַוואוליסט נח גאָלדבערג. עס באַטייליקן זיך אין אָוונט מיט אָפּשאַצונגען: ה. רויזענבלאַט, ש. האכבערג, מאטעס דייטש און י. פרידלאַנד. י. ל. מאלאמוט באַגריסט אין נאָמען פון קלוב, און יעקב ניומאַן, אין אַ פאַרלייענונג פון גאָלד־בערגס זאַכן. אַ שלוס־וואָרט פון דעם גאַסט, נח גאָלדבערג.

כט) שבת אָוונט, דעם 10טן אַפּריל — אַ גאָלדפאַדניאַדע. אַ לענגערע אָפּהאַנדלונג פון גאָלדפאַדנס שאַפן, פון י. ל. מאלאמוט. דער באַוואוסטער טע־נאָר אברהם בארנפעלד און אניטא פריינדליך, צוזאַמען און אין סאָלאָס, פון גאָלדפאַדנס לידער; דער פיינער פּיאַנע קינסטלער סעמועל סאלאמאַן, אין באַ־גלייטונג פאַר אַ געשולטן כאָר געזונגען שולמית און בר־כוכבא.

ל) שבת אָוונט, דעם 24טן אַפּריל, אחרון של פּסח. חבר אברהם שטורם רעדט וועגן דעם יום־טוב פּסח; דער אַרטיסט משה שטראַסבערג לייענט פאַר פון שלום עליכם; אברהם בארנפעלד, זינגט אַ צאָל לידער פון דער וואַרשעווער געטאָ; י. פרידלאַנד רעדט וועגן דעם אויפשטאַנד פון דער וואַרשעווער געטא, צום 11־יאָריקן אָנדענק.

לא) שבת אָוונט, דער 1טער מאַי, איז דורכגעפירט געוואָרן אַ סימפּאָזיום וועגן דער טעמע: „דער ערשטער מאַי אַמאָל און היינט". עס באַטייליקן זיך אין סימפּאָזיום די חברים: מאלאמוט, בען צוקערמאַן און י. פרידלאַנד. משה לייב קאַפּעלאַף, פאָרזיצער פון אָוונט.

לב) שבת, דעם 8טן מאַי, צוליב דעם יערלעכן אויפטריט פון דעם קינ־דער טעאַטער דאָ אין שטאָט, האָט דער קולטור קלוב, דעם אָוונט, פאַר אַ דרויסנ־דיגן עולם קיין פּראָגראַם ניט צוגעגרייט.

לג) שבת אָוונט, דעם 15טן מאַי, איז דורכגעפירט געוואָרן דער טראַ־דיציאָנעלער יערלעכער שלום עליכם אָוונט. דער פאָרזיצער, י. פרידלאַנד, עפנט דעם אָוונט מיט אייניקע קורצע כאַראַקטער־שטריכן פון ש.ע. און לייענט נאָכדעם פאַר די צוואה פון ש.ע. עס רעפערירט וועגן ש.ע. דער באַוואוסטער געלערנטער, פּראָפעסאָר משה ליבמאַן; אַ סצענע פון ש.ע. „ס'אַ ליגן", פירן אויף די שוישפּילער מרדכי מייזל און מ. מאנדלבוים. און אַ באַוואוסטער אייראָפּע־אישער פידל קינסטלער, א. שפּייזער, האָט פרעכטיק פאָרגעטראָגן יידישע און קלאַסישע נומערן.

לד) שבת אָוונט, דעם 22טן מאַי, ווערט געפייערט דער „יום העצמאות" — זעקס יאָר ישראל'ס זעלבסטשטענדיקייט. פּראָגראַם: יואל גוירסאָן, טאַלאַנ־טירטער פאָלקס זינגער, אין אַ ציקל יידישע און העברעאישע לידער, באַגלייט פון זיין טאַלאַנטירטער טאָכטער, פּיאַנא שפּילערין בערטא גוירסאָן. ס'ווערט גע־וויזן צוויי קלאַנג־פילמס פון ישראל און בען צוקערמאַן רעפערירט וועגן זעקס יאָר מדינת ישראל.

לה) שבת אָוונט, דעם 29טן מאַי, ווערט דורכגעפירט אַ פּרץ אָוונט. אין פּראָגראַם באַטייליקט זיך דער באַקאַנטער לעקטאָר מ. פאגעל, מיט אַן אָפּהאַנד־לונג וועגן פּרץ; מרדכי מייזל, אין פּרצ'ס אַ פאַרלייענונג; שמעון געלסאָן, פּיאַנע

לו) שבת אָונט, דעם 5טן יוני, אַ שבועות פייערונג. חבר אשר דובין האָט פאַרגעטראָגן וועגן יום־טוב שבועות; זיגמונט ליעוו אין אַ פאַרלייענונג; טאניא טאמארא אין יידישע פאָלקס לידער.

לז) שבת אָונט, דעם 12טן יוני: אַ הזכרה אָונט נאָך דעם פאַרשטאָר־בענעם דיכטער און מיטגליד פון קלוב ברוך באטשעליס. אין דעם זעלביקן אָונט איז אויך אויפגענומען געוואָרן זיין בוך לידער, וואָס איז נאָר וואָס דערשינען, וועלכן ער האָט, ליידער, ניט דערלעבט צו זען. אין אָונט האָבן זיך באַטייליקט די שרייבער: ה. רויזענבלאַט, זלמן זילבערצווייג, י. ל. מאלאמוט, י. פרידלאנד, ראָז שאָמער־באטשעליס,מ. ל. קאפעלאָף, ס. גאָך, מאיר אָסטראָווסקי און דר. זאלצמאן. ס'איז אויך פאַרקויפט געוואָרן זיין בוך לידער „מענטשן פון מיין דור".

לח) שבת אָונט, דעם 19טן יוני, דער אָפשלוס פון דעם 28טן זמן פון ל. א. יידישן קולטור קלוב. באַטייליקטע אין אָונט: פייגעלע פאַניטש אין אַ ציקל יידישע און העברעאישע לידער; די באַוואוסטע טריא: סערע קריינדלער, וויא־ליניסטין, עליזאבעט גרינשפאן, טשעליסטין, סילוויא פאניטש, פיאנע. י. פריד־לאנד, וועגן 28טן זמן פון קולטור קלוב.

## קולטורעלע מאנטיקס

שוין פאַר די לעצטע פאַר יאָר אַז די מאָנטיקדיקע פאַרוואַלטונג זיצונגען פון ל. א. יידישן קולטור קלוב, ווערן פאַרוואַנדלט אין קולטורעלע צוזאַמענ־קונפטן. ד.ה., נאָך די קורצע באַריכטן פון דורכגעפירטע און פלאַנירטע אָונטן, ווערט נאָכדעם דער גאַנצער אָונט געווידמעט צום לעקטאָר אָדער איינלייטער פון דעם אָונט, איבער אַן אינטערעסאַנטן, ליטעראַריש קולטורעלן ענין. דער דאַזיקער איינפיר האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין זייער הצלחה'דיק. מיטגלידער און פריינט פון קולטור קלוב, קומען צו אַט די קולטורעלע מאנטיק־אָונטן און די באַזוכערשאַפט איז זייער און זייער דערמוטיקנדיק.

לעצטן זמן האָבן זיך באַטייליקט מיט לעקציעס און ליטעראַרישע שמועסן ביי די מאָנטיק אָונטן, די פאָלגנדיקע, מיט איין אָדער מער לעקציע:

אשר דובין, פינטשע בערמאן, א. דארין, חברה באלאט, ס. רובין, קייט קראָנען, זלמן זילבערצווייג, י. גינזבורג, מ. פאגארעלסקי, יצחק קאלמאנאָוויטש, ש. האכבערג, י. ל. מאלאמוט, מ. קאָלער, י. פרידלאנד, חברה בוירנס, מ. מאנ־דעלמאן, מאטעס דייטש, י. קיץ, דר. אייגענס, מישא שוואַרגער, נח גאָלדבערג, רבי שמואל הורוויץ, חבר א. שטורם, רבי זאב שפיגלמאן, בען צוקערמאן, א. באביטש.

### צוויי הזכרה אָונטן

מאנטיק, דעם ערשטן פעברואַר, איז דורכגעפירט געוואָרן אַ שלושים אָונט נאָך דעם באַוואוסטן קולטור עסקן און לערער, שלמה בערקאָוויטש. באַטייליקטע אין דעם געדענק־אָונט: ל. דארין, דוד ברידזשער, דער אַרטיסט רויטבלום, די דיכטערין מלכה טוזמאן, י. פרידלאנד, און עמוס הירשביין אין אַ פאַסיקן פיאנע נומער.

מאנטיק אָונט, דעם 15טן מערץ, איז דורכגעפירט געוואָרן אַ הזכרה אָונט נאָך דעם באַוואוסטן שרייבער משה מלמד. אין דעם אָונט האָבן זיך באַטייליקט: הערשל לעווין, י. פרידלאנד, י. ל. מאלאמוט, י. גארין און זלמן זילבערצווייג.

אַרום און אַרום — 38 שבת־צונאָכטן און 44 מאָנטיקן, מיט איינלייטונגען איבער געזעלשאַפטלעכע, ליטעראַרישע און קולטור ענינים.

דאָס איז דער סך הכל פון אונדזער קולטור טועונג דעם סעזאָן פון 1953־54.

# אַלפֿאַבעטישע רשימה פֿון ביכער, וואָס זיינען דערשינען אין לאָס אַנגעלעס — 1954-1916

דר. וו. אָסטראָווסקי „דאָס געשלעכטס לעבן פֿון דער פֿרוי", אַרויסגעגעבן פֿון מחבר, 316 זייטן, 1928.

ישראל אָסמאַן „דאָס בוך פֿון נסיונות", דערציילונגען, פֿאַרלאַג „אייגענע", 288 זייטן, 1926. דאָס זעלביקע בוך איבערזעצט פֿון מחבר און העברעאיש און אַרויסגעגעבן אין 1949.

ראָוז שמ"ר באַטשעלים, די טאָכטער פֿון נחום מאיר שייקעוויטש, עה"ש, האָט אַרויסגעגעבן אַ באַנד „שירי שמ"ר וזכרונותיו", דעם פֿאָטערס העברעאישע געזאַמלטע שירים און אויך די זכרונות פֿון זיין יוגנט. דאָס בוך האָט הקדמות פֿון דעם באַרימטן געלערנטן דוב סדן, און קלמן מרמר. דאָס בוך האָט זיך געדרוקט אין פֿאַרלאַג „אַחיאָסף", אין ירושלים, פֿאַרמאָגט 232ז"ז. אבינו שמ"ר, הוצאת ספרים אחיאסף בע"מ ירושלים, 200 דפים תשיד.

ב. באַטשעליס, „שמעלצעכע", קליינע מאָנאָלאָגן. אַרויסגעגעבן פֿון מחבר. 42 זייטן, 1926.

„מענטשן פֿון מיין דור", אַ בוך לידער, פּאָעמען און באַלאַדן פֿון ב. באַטשעליס, בילדער פֿון מישא אשכנזי, 280 זייטן. 1954.

ל. בערקאָוויטש, „קליינוועלט", לידער. אַרויסגעגעבן פֿון אַ גרופּע חברים, 120 זייטן, 1934.

ז. בונין „געזאַנג פֿון מיינע טעג", לידער. אַרויסגעגעבן פֿון ז. בונין בוך־קאָמיטעט. 160 זייטן, 1950.

יחזקאל א. מ. בראַנשטיין „פֿון דער פֿרעמד", לידער. אַרויסגעגעבן פֿון אַ גרופּע חברים מיט דער מיטווירקונג פֿון ל. א. יידישן קולטור קלוב. 128 זייטן, 1929.

יחזקאל א. מ. בראַנשטיין, „יאָ און נישט מיין", אימפּרעסיעס פֿון אַ לייענער, עסייען איבער אַ גרויסע צאָל דיכטער. 252 זייטן. לאָס אַנדזשעלעס, 1953.

יחזקאל א. מ. בראַנשטיין, „אימפּרעסיעס פֿון אַ לייענער", עסייען, פֿאַרלאַג צעשינסקי, 160 זייטן, 1941.

יחזקאל א. מ. בראַנשטיין, „צווישן טאָג און נאַכט", לידער און פּאָעמעס. פֿאַרלאַג „דער בעכער", 192 זייטן, לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפֿ., 1949.

יחזקאל א. מ. בראַנשטיין, „„געהיים שטאָט", אַן עסיי איבער אברהם סוצקעווערס שטאַרקע פּאָעמע „געהיים שטאָט", אַרויסגעגעבן אין מעקסיקע, 59 זייטן. 1952.

ה. גאָלדאָווסקי, „פּריירי לאַנד", לידער. אַרויסגעגעבן פֿון מחבר, 128 זייטן, 1927.

ה. גאלדאָווסקי, „אונדזערע טעג", לידער. אַרויסגעגעבן פֿון דער יידישער קולטור געזעלשאַפֿט, 128 זייטן, 1934.

ה. גאלדאָווסקי, „זינגט אַ וועלט", איבערזעצונגען פֿון העברעאישע, אוקראַאינישע, רוסישע, ענגלישע און אַנדערע לידער. אַרויסגעגעבן פֿון מחבר, 27 זייטן, 1942.

ה. גאלדאָווסקי, „ליכט און גלויבן, לידער. אַרויסגעגעבן פֿון ה. גאלדאָווסקי בוך־קאָמיטעט, 186 זייטן, 1946.

שמריהו גארעליק, „עסייען״, פארלאג „מערב״. 350 זייטן, 1947.

נח גאָלדבערג, „פשוטע מענטשן״, דערציילונגען. אַרויסגעגעבן פון ייד. נאַצ. אַרבעטער פאַרבאַנד און אַ גרופּע פריינט. 192 זייטן, 1942.

חיים גאָלדבלום, „לעגענדן און מעשהלעך״. אַרויסגעגעבן פון ל. א. יידישן קול־טור קלוב. 224 זייטן, 1935.

אהרן גארעליק, „מעמואַרן״. אַרויסגעגעבן פון גארעליק בוך קאָמיטעט, 400 זייטן, 1948.

ב. גרינפעלד (בראַנזווילער סטאָליער), „הובל־שפּענער״. אויטאָביאָגראַפישע סקיצן און געקליבענע שריפטן. אַרויסגעגעבן פון בראַנזווילער שריפטן קאָמיטעט. 224 זייטן, 1935.

וו. גרינשטיין, „פאַבלען״. פאַרלאַג „ליטעראַרישע העפטן״, 1950.

„דוד עדעלשטאַט געדענק־בוך״, צום 60טן יאָרצייט. רעדאַקטירט פון ב. י. ביאַלאָסטאָצקי. אַרויסגעגעבן פון עדעלשטאַט קאָמ., נויאָרק, לאָס אנגעלעס און סאַן פראַנציסקאָ. 624 זייטן, 1952.

מאַטעס דייטש, „מאַנדל ברויט יידיש״, מיט אַ שער־בלאַט פון באַקאַנטן מאַלער מ. זאַלאַטאַראַוו, אַרויסגעגעבן פון מחבר. 112 זייטן, 1952.

ב. דיימאַנדשטיין, „דער וואולקאַנען אינדזל״, 1951. פאַרל. ליט. העפטן.

ב. דיימאַנדשטיין, „דער רוף אין זיך״, 76 זייטן, 1951. פאַרלאַג ליט. העפטן.

ב. דיימאַנדשטיין, „בלעטער פון מיין גאָרטן״, לידער. 96 זייטן, 1951. פאַרלאַג ליט. העפטן.

„ליטעראַרישע העפטן״, ב. דיימאַנדשטיין, טאָפּלטער יובל־העפט.

ב. דיימאַנדשטיין, „געקליבענע דראַמען״, דריטער באַנד, 88 זז., „קובץ דרמות״ און „אי־געש״ (וואולקאַנען אינדזל), איבערזעצט פון העברעאיש פון דר. ווילאי, ישראל.

ב. דיימאַנדשטיין, „פאַבלען״. פאַרלאַג „ליט. העפטן״. 90 זייטן. 1942.

יעקב יוסף דאַווידסאָן, „לידער״, 1937, לאָס אנגעלעס און סאַן פראַנציסקאָ, 47 ז״ז.

פרץ הירשביין, „יובל־בוך״, אַרויסגעגעבן פון הירשביין יובילעי קאָמיטעט (אויפבוי גרופּע). 128 זייטן, 1941.

די ערשטע סעריע פון 5 בענד פון הירשביינס ווערק, 2 בענד דראַמען, 1 באַנד ארץ ישראל, 1 באַנד „מיינע קינדער־יאָרן״. אַרויסגעגעבן פון פרץ הירשביין ביכער קאָמיטעט, לאָס אַנגעלעס־נויאָרק, 1951.

י. וויינשטאַק, „לידער זאַמלונג״. מוזיק צו די טעקסטן פון מאָדערנע יידישע דיכטער. אַרויסגעגעבן פון וויינשטאַק מוזיק פּאַבלישינג קאָ., 1942.

משה ווייסמאַן, „פון בריסק ביז סעמיאַטיטש״. אויטאָביאָגראַפיש. פאַרלאַג „פּרוואָו אַליין״. 136 זייטן.

שפרה ווייס, „אין גאַנג״, לידער. אַרויסגעגעבן פון מחבר, 125 זייטן, 1932.

שפרה ווייס, „צו דער וועלט״, לידער. אַרויסגעגעבן: ז. וויינפּער לייען קרייז ביים איקופ, מיט אַ גרופּע פריינט. 120 זייטן, 1934.

שפרה ווייס, „צו דעם מאָרגנדיקן מאָרגן״, אַ בוך לידער. דאָס איז שוין דער דיכטערינס דריטער בוך לידער.

„פערציק יאָר אין קאַמף פאַר פרייהייט״, זכרונות פון אַ פרייהייטלעכן אַגיטאַטאָר אויף דער יידיש־אַמעריקאַנער גאַס, פון חיים לייב וויינבערג. פאַר־

